STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08031

LIDER UN POEMES

Sergei Aleksandrovich Esenin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איבער טעכנישע מניעות, דערשיינט דאָס בוך
מיט א פֿאַרשפּעטיקונג אין יאָר 1946, אנ־
שטאָט 1945, דאָס יעסענין יובל־יאָר.

ביכער פון עזרא קאָרמאַן

היינריך היינע — לידער.
קונסט־פארלאג. קיעוו. 1917.

הערמאן הייערמאנס — פארלוירענע האָפענונג.
דראמע. פארלאַג „קולטור־ליגע". קיעוו, 1920.
צווייטע אויפלאגע, פארלאג „דער טורעם."
וואַרשע. 1922

אין פייערדיקן דויער — זאמלונג פון רעוואָלו־
ציאָנערער ליריק אין דער נייער יידישער דיכ־
טונג פון אוקראינע. מלוכה־פאַרלאג. קיעוו.
1921.

ברענענדיקע בריקן — אנטאלאגיע. צווייטע
פארגרעסערטע אויפלאגע פון דער זאמלונג
„אין פייערדיקן דויער". יידישער ליטעראריי־
שער פארלאג. בערלין. 1923.

יידישע דיכטערינס — אנטאלאגיע. פאַרלאג ל.
מ. שטיין, שיקאגע. 1928

שקיעה — לידער פון עלטער און טויט. פאַרלאַג
ל. מ. שטיין. שיקאגע. 1932

גרייט צום דרוק:

צייכנס און צירופים — לידער.



לידער און פּאעמעס

[1925 1895]

פון רוסיש
עזרא קאָרמאַן

תש״ו · 1946 · דעטראָיט

אויפשריפטן, וויניעטן, ענדונגען, פאָדער־בלע־
טער און שער־בלאט געצייכנט פונעם קינסטלער
טאדרעס געלער, שיקאגא.

Copyright 1946
By EZRA KORMAN
18252 Steel Avenue
Detroit 21, Mich.
U. S. A.

Sergei Yessenin — Leeder un Poemes (Verse and Poems)
Translated from Russian by Ezra Korman



איך האלט פאר מיין אנגענומענעם חוב צו באַדאנקען מיינע פריינד: דר. י. בעניש, ש. בערקאָוויטש, י. דראכלער און מרים דאָמבי, דעטראָיט; וו. בראַמסאן, שיקאגע; ראובן מע־דאָוו און י. קליגמאן, ווינדזאָר, קאנאדע, פאַר דער מיטהילף ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

פירוואָרט

וועגן סערגעי יעסענין

סערגעי יעסענין וועגן זיך

לידער

פּאָעמעס

פאָרוואָרט

סערגעי יעסענין איז דער רוסישער פּאָעט, אויף וועמענס לידער עס קאָן געזאָגט ווערן מיט פּושקינ'ס ווערטער: „דאָ איז רוסישער גייסט, דאָ ש.מעקט מיט רוס". צו געפינען דעם ריכטיקן וועג ביים איבערזעצן די לידער פון אַזא פּאָעט, האָט אויך געהערט, טיילוויז, צו דעם מעטאָד, וואָס האָט באַדאַרפט דערביי אָנגעווענדט ווערן.

אין וואָס איז באַשטאַנען אָט דער מעטאָד?

צוערשט, האָט מען געמוזט מאַכן א שפּראַכלעכן אָפּקלייב, כדי איבער־צוגעבן דעם קלאַנג און קאָלאָריט פון דער יעסענינישער פּאָעזיע. דריי שפּראַכ־לעכע עלעמענטן זיינען די אינטעגראַלע טיילן פון יידיש, און די געהעריקע אָנווענדונג פון אָט די באַשטאַנד־טיילן שפּילט א דעציזירנדיקע ראָלע אין שאַפן דעם סטיל.

איך האָב אוועקגעשטעלט דעם סלאַווישן אַנטקעגן דעם דייטשישן טייל. אַזוי ווי די איבערזעצונג איז פון רוסיש, קומט, פאַרשטייט זיך, דאָס בר־מצר־רעכט — דעם ערשטן, און כיהאָב, דעריבער, געשריבן: כוואַליעס (אַנשטאַט — וועלן, קלובעס (אַנשטאַט — היפּטן), קודלעס (אַנשטאַט — קרויזן, אָדער לאָקן), אאַוו. דערביי האָב איך אָפּגעהיט די מאָס, כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין לאָקאַליזמען, בעת די איינגעבירגערטע אין יידיש סלאַוויזמען מעגן און זאָלן פּרעוואַלירן אין אַזאַ ווערק.

באַזונדערס וואָס האָט מען געמוזט זיין איבעריך העברעאישן שפּראַך־טייל. אוודאי האָבן אויך די העברעאישע ווערטער באַדאַרפט אָפּטרעטן דאָס אָרט צו יידישע, און איך האָב אנשטאט: מחשבה, תפילה, חכמה—געשריבן: געדאַנק, געבעט, קלוגשאַפט. אָבער, אין דער זעלבער צייט, האָט מען נישט געטאָרט עובר־זיין אויפן נוסח פון יידיש און, צוליב׳ן מעטאַר, באַזייטיקן דעם עלעמענט, וואָס איז דער געשטאַלטער פון דער יידישער שפּראַך. איך האָב, דעריבער, אין פאַרשיידענע פאַלן געניצטביידע פאָרמען: אָפּגרונט און תהום — געזיכט און פּנים — טרוים און חלום, אאַז, ווי און וואו עס האָט זיך אַזוי געפאָדערט. צוליב׳ן קלאַנג און מעטער האָב איך אויך געברויכט די צוויי־טראַפיקע: שקיעה, שיכחה—אנשטאַט. די דריי און פיר־טראַפיקע: זון־פאַרגאַנג, פאַרגעסנקייט. און: סוכה — צבאות — ציון — דאָרט, וואו יעסענין אַליין ברענגט זיי אין זייער רוסישן שפּראַך־לבוש. און, צולעצט, כיהאָב געגעבן פרייהייט דעם העברעאישן עלעמענט ביים איבערזעצן די פּאָעמע „אינאַניא״, ווייל דאָרט „רעדט לויט דער ביבל אַזוי דער נביא יעסענין סערגעי״.

וואָס שייך דעם יידישן שפּראַך־טייל, האָב איך געוואויגן און געמאָסטן יעדער וואָרט און זיך ניט אָפּגעשטעלט צו אויפרופן אַלטע יידישע ווערטער, וואו די שטימונג און דער קלאַנג לאַדן איין צו פ ע ד ע ר ן ז י ך א ו ן ה אָ ר כ ן. און, דער עיקר, האָב איך שטענדיק געהאַט אין זינען די גאָר הויכע מדרגה, וואָס דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט האָט דערגרייכט. איך האָב אויך זיך באַניצט מיט סינאָנימען פון יידיש־דיאַלעקטן, ווי: אַזעלכער און אַזעטיקער — געפינען און דערוויסן, אאַז, ווייל זיי טראָגן אַריין די נויטיקע ניואַנסירונגען אינעם פּאָעטישן זאָג און שורה.

ס׳איז ניט שווער איבערצוגעבן דעם מעטער, אָן אנדער זאַך איז מיטבאַוועגן זיך מיט׳ן ריטם, אַריינדרינגען אין דער אייגנאַרטיקער מוזיק פונעם ליד. קיין שום סקאַנדירן קאָן דאָ נישט העלפן. מ׳דאַרף זיך באַהעפטן מיט דער שאַפונג, אַריינלעבן זיך אינעם פערז, דורכפילן זיין שטימונג, און דערנאָך דורכטראָגן אַלץ אין דער איבערזעצונג צו א נייער גאַנצקייט. אַריינברענגען א פרישקייט אין דער סקאַרבאָווער פּאָעטישער שפּראַך, וואָכן איבער דער געשטאַלטונגס־און־באַוועגונגס־קראַפט פון יעדן וואָרט און דער קאָנדענסירטקייט פון דער יעסענינישער שורה, זיין אַזוי בילדעריש און פּרעציז, ווי ער, און נישט אַנווערן אפילו קיין קווינט פון איר אָנגעלאָדנקייט און

מייסטערישקייט, דאָס אַלץ איז געווען אן עיקרדיקע שטרעבונג. פון צוויי שורות מיט דריי אייגנשאפטס־ווערטער האָט קיין איינציקס נישט געטאָרט געמינערט ווערן: דאָס אָ פ ג ע ו ו ע ל ק ט ע גראָז אין א ו י ס ג ע ־ ש פ ר י י ט ע פּאָלעס דעם מעש פון אָ פ ג ע ו ו י נ ט ־ י ק ט ע ראקיטעס קלייבט". דאָס נעמלעכע האָט זיך אויך געפאָדערט בנוגע דעם טרעפלעכן אויסדרוק, וואָס וואָרצלט אין דער אידיאָמאטישקייט פון דער רוסישער שפּראַך, און צו געפינען דאָס אדעקוואטע און פאָלקסטימלעכע אין יידיש איז געווען א באַזונדערע נייגונג.

אליטעראציעס אין די שורות און אסאָנאנסן אין די ריימען זיינען די שליסלען, וואָס עפענען טיר און טויער אין אַ שפּראַך און פרישן זי אָפּ און באניייען זי. יעסענין האָט געברויכטביידע פּאָעטישע פאָרמען. אין דער איבערשאַפונג האָבן זיי נישט געטאָרט פעלן. נייע ווענן און ווענדונגען, נייע בילדער און געדאנקען באַרייכערן די פּאָעטישע שפּראַך. אויב דער איבער־זעצער איז א פרעמדער אריינגייער אין דער פּאָעטישער לאבאראטאָריע, וועט זיין ארבעט באווייזן, אַז ער איז א שפּראכלעכער עני ואביון.

איך האָב אנגערופן ביימער און פייגל ביי זייערע נעמען. איניקע נעמען געשאַפן, ווי: ו ו י ל ד פ ע ר ל , לויט'ן פאָלקס־נוסח פון: וויינפערל; דעם פאַרביקן זינגפויגל האָב איך געגעבן א באקאַנטן נאָמען: אָרעאָל—פון אב־סטראקטן ל י כ ט געקומען צו קאָנקרעטן ג ו ף . אנדערע, די מיינסטע ביימער און פייגל, באַצייכנט מיט די פארשפּרייטע נעמען, ווי זיי זיינען באַ־וואוסט צו רוסישע יידן. די יעסענינישע נאַטור איז א דאָרפישע. זיינע לידער זיינען פול מיט ביימער און פייגל. „מין־עץ", „מין־עוף" איז געווען אן אומ־באהאלפענער און אַ קאָמישער מיטל, וואָס האָט אין ערגעץ נישט געפירט. ביי יעסענינען, ווי אין דער נאַטור, זיינען נישטאָ קיין אבסטראקציעס.

אין גייסט פון יידיש האָב איך אויך געשאַפן איניקע נעאלאגיזמען, האָפנדיק, אַז זיי זיינען געראטן און וועלן זיך אָננעמען. אויף איין נעאלא־גיזם באדאַרף מען זיך באזונדערס אָפּשטעלן. דער ערשטער, וואָס האָט אים איינגעפירט, איז געווען דער פּאָעט דוד האָפשטיין.

אין 1921 זיינען דערשינען אין קיעוו זיינע צוויי קליינע לידער־ביכלעך: „זונען־שלייפן" און „גינען־געוועב", ביידע מיט אַזעלכע נייע, דרייסטע און בילדערישע נעמען. האָט מען געלייענט די לידער און געשמועסט מיט האָפּ־

שטיינען: פון וואנען האָט ער גענומען דאָס וואָרט: „גינען"? ער האָט עס נישט געבאָרגט פון קיין אנדער שפּראַך, איז געווען דער ענטפער, נאָר עס געפונען אין יידיש. ער האָט דאָס באקאנטע און פאָלקסטימלעכע „גינגאָלד" געשפּאָלטן, און אנטדעקט: „גינען". ביז אים האָט מען דאָס וואָרט געטייטשט: „ריין גאָלד", „לויטער גאָלד". איז געקומען דער פּאָעט און האָט געזאָגט: „גינען" איז ניט קיין אייגנשאפטס־וואָרט, נאָר א הויפּט־וואָרט, ס׳איז דער נאָמען פונעם זון־אויפגאַנג, א יידישער נאָמען ווער ווייסט פון וואנען גענומען און וויאזוי געשאַפן אין פאָלקס־מויל. און, לויט׳ן געזעץ פון די פּאָעטן, וואָס גראָבן אויס די דימענטן פון וואָרט, איז „גין" דער שורש, און פון אים קומען אַרויס די אנדערע פאָרמען.

ובכן, גין — גינען — באגין — באגינען.

אין יעדער, אפילו אין דער בעסטער, איבערזעצונג, ווערט עפּעס פאר־לוירן פונעם אריגינאל, עפּעס פארשווינדט, אויף וואָס מ׳קאָן אמאָל נישט אנווייזן באשטימט, ווי ס׳איז נישט מעגלעך אָפּצומעסטן וויפל עס וועגט זיך אויס פונעם פארפום, וואָס מ׳גיסט איבער פון איין כלי אין דער אנ־דערער. דער איבערזעצער דאַרף, דעריבער, זיין זייער אָפּגעהיט, אז דער פאר־לוסט זאָל זיין דער מינימאלסטער, און ס׳זאָל וואָס ווייניקער גיין אין ניוועץ פונעם איידעלן און טייערן שטאָף. דאָס איז, פריער פון אַלץ, געווען מיין צוגאנג, ווען איך בין צוגעטראָטן צו דער איבערזעצונג פון יעסענינ׳ס לידער.

אין משך פון דער צייט האָב איך אָנצאָליקע מאָל זיך אומגעקערט צו די זעלבע לידער, זיי געפיילט און געשליפן, זוכנדיק דעם נאָענטן, אדעקוואטן אויסדרוק, אויף וויפל דאָס קאָן דערגרייכט ווערן, ווען מ׳באדארף איבער־געבן אן אנדער שאפונג. איך בין, דעריבער, געוואָרן אַלץ שטרענגער צו זיך, און געשטעלט זיך אַלץ גרעסערע פאָדערונגען.

מיין ציל איז געוואָרן: צו קומען צו אַזאַ מדרגה, אַז די איבערזעצונג זאָל ברענגען צו קינסטלערישער גאנצקייט, און, איבערגעבנדיק דעם פולערן, ווי מעגלעך, כאראקטער פונעם יעסענינישן ליד, זאָל זי אין דער זעלבער צייט, זיין נאָענט צו דער נאַטירלעכקייט פון א נייער שאַפונג.

ע. ק.



סערגעי יעסענין

וועגן סערגעי יעסענין

סערגעי יעסענין (געב. 21 סעפט. 1895 — געשט. 28 דעצ. 1925) האָט אין עלטער פון דרייסיק יאָר, אין דער בליענדיקסטער צייט, ווען ס'איז רייף געוואָרן זיין טאַלאַנט, אַליין איבערגעריסן זיין לעבן. די טרויעריקע ידיעה פון זיין טראַגישן טויט האָט זיך צעטראָגן איבער רוסלאַנד און דער גאַנצער וועלט, וואו יעסענינ'ס נאָמען און לידער זיינען געווען באַקאַנט און באַליבט.

די רוסישע ליטעראַטור האָט מיט יעסענינ'ס טויט פאַרלוירן איינעם פון אירע אָריגינעלסטע פּאָעטן, אַ גרויסן ליריקער און בונטאַר, וואָס האָט מיט זיין אייגנאַרטיקן ליד אָפּגעפרישט די רוסישע פּאָעזיע און באַשאַפן אומפאַרגעסלעכע בילדער פון רוסלאַנד, פון דער דאָרפישער, אָפּגייענדיקער רוסלאַנד אויף דער שוועל פון אַן עפּאָכע, וועלכע האָט אינגאַנצן געענדערט דאָס לעבן און אויסזען פון אָט דעם לאַנד.

באַלד נאָך זיין ערשטן אַרויסטריט האָט יעסענין געקראָגן גרויסן אָנזען אין דער רוסישער פּאָעזיע, און זיין רום האָט גענומען שטייגן מיט'ן וואוקס פון זיין טאַלאַנט. וועגן דעם זאָגן עדות זיינע אָנצאָליקע פאַרערער און די רוסישע ליטעראַטור־קריטיק, און אונדזער מאַני לייב האָט עס באַזונדערס אַקצענטירט אין זיין פּאָעמע „די לידער יעסענינ'ס" („עפּאָכע", נומ. 1, 1943), ווען ער האָט דאָרט געשריבן: „זיין רום עס האָט מאָסקווע און נויאָרק אַזש דערקענט און האָט אים געטראָגן אין לויב אויף די הענט". מיט'ן יונגן פּאָעט האָט מען זיך שטאַרק געגרויסט, ווי מיט זיין פויערישן אָפּשטאַם, און אים געשאָנקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט און כבוד.

זייער פרי האָט יעסענין אָנגעהויבן שרייבן לידער. ווי ער דערציילט אַליין וועגן זיך, האָט ער די ערשטע לידער פאַרפאַסט צו ניין יאָר, נאָר די באַוואוסטזיניקע שאַפונג טראָגט ער אָפּ צום 16—17 יאָרן. די לידער פון אָט די יאָרן זיינען מונטערע און פרייליכע און קלינגען ווי א פּאַטעטישע דערוואַכונג. פון זיי טראָגט זיך אַ געזאַנג פון פרייד, און דער יונגער יעסענין דערציילט דאָרט, אַז ער איז „געבאָרן מיט א ליד אין א גראָז־דעק גרינער, איינגעוועבט אין רעגנבויגן פון די פרילינג־גינען". נאָר דער פאַרביקער רעגנבויגן איז נישט לאַנג געהאַנגען אויפ'ן הימל פון זיין פּאָעזיע.

אין עטלעכע יאָר בייט זיך די שטימונג, און אין די ווייטערדיקע לידער איז שוין אריינגעטריפט טיפער טרויער, און דער מאָטיוו פון אומקום, פון אומפאַרמיידלעכן טויט, ווערט אַלץ אָפטער דערמאַנט, ווי דער פּאָעט וואָלט שוין דערפילט געאָנט זיין טראַגישן סוף. נאָך אין די ערשטע לידער רעדט ער וועגן זיין באַזונדערן גורל, אַז: „ס'איז באַשערט מיר פון לאַנגאָנען אָפּפליען אין פינצטערניש", און טראַכט וועגן דער „געזעגן־שעה", ווען ער וועט דאַרפן זיך צעשיידן מיט'ן לעבן. יעסענין מיט'ן קאָפּ בלאָנדע האָר, מיט וועלכע ער האָט קאָקעטירט, הויבט אָן רעדן צו פרי וועגן דעם הארבסט פון זיין לעבן: „עס וועלקט דער גילדערנער קוסט פון די האָר, עס אנטבלויזט זיך מיין קאָפּ אין געוויטער". אָט די שווערע שטימונגען לאָזן ניט אָפּ דעם יונגען פּאָעט און ווערן אַלץ געדיכטער און דריקנדיקער פון ליד צו ליד און פון יאָר צו יאָר. פון וואַנען אָט דאָס געפיל אינמיטן צעבלי פון זיין טאַלאַנט? פאַרוואָס אַזעלכע טענער אין זיין מונטערן ליד?

א שליסל צו דעם קאָן מען געפינען אין יעסענינ'ס שפּעטערדיקע שאַפונגען, וואָס ווייזן אָן אויף דער טראַגישער ענדערונג, וועלכע איז אין אים פאָרגעקומען.

ביז יעסענין האָט זיך אונטערגעגעבן צו אָט דעם צושטאַנד, האָט ער דורכגעמאַכט א נייע דערהויבונג. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די אי־מאַזשיניסטישע*) שול איז אויפגעקומען אין דער רוסישע פּאָעזיע. יעסענין איז ניט געווען קיין אימאַזשיניסט אין פולן זין פון וואָרט, הגם ער האָט אונטערגעשריבן דעם מאַניפעסט פון די אימאַזשיניסטן (צוזאַמען מיט די

*) די רוסישע אימאַזשיניסטן האָבן גענומען דעם נאָמען פון די ענגלישע און אמעריקאַנישע „אימאַזשיסטן", אָבער די ענלעכקייט איז געווען נאָר אין נאָמען און אין דער אלגעמיינער ליניע.

פּאָעטן: וואַדים שערשעניעוויטש, איגאָר איווניאָוו און אַנאַטאָלי מאַריענ־גאָף). ער איז נאָר אויף א צייט צוגעשטאַנען צו אָט דער ריכטונג. זיין פּאָ־עזיע איז אַן אָפּלייקענונג פונעם אני־מאמין פון די רוסישע אימאַזשיניסטן, וואָס האָבן דעקלאַרירט דעם אימאַזש ווי א זעלבסט־ציל און „דאָס וואָרט מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ“.

די אימאַזשיניסטן האָבן אָנגעפירט א קאַמף מיט דער רוסישער גראַמאַטיק, ווי די רוסישע פוטוריסטן האָבן עס געפּרואווט טאָן מיט׳ן סינטאַקס. שערשעניעוויטש — דער טעאָרעטיקער פון אימאַזשיניזם — איז געווען טיף איבערגעצייגט, אַז זיינע לידער און פון אַנדערע אימאַזשיניסטן קאָן מען לייענען מיטן זעלבן דערפאָלג פון אונטן אַרויף, פּונקט ווי מ׳קאָן אויפהענגען אימאַזשיניסטישע קונסט־בילדער מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ, כלומרשט מיט׳ן זעלבן דערפאָלג. יעסענינ׳ס אידעאַל איז געווען די פּושקינישע פּאָעזיע, און ער האָט אינגיכן פאַרלאָזט אָט די שול, וואָס האָט בכלל נישט לאַנג גע־דויערט.

אים האָט, אָבער, שטאַרק אימפּאָנירט איר געוואַגטקייט, און דער בונטאַרישער פּעריאָד פון זיין שאַפן (דער „כוליגאַניזם“, ווי ער האָט אָנגע־רופן זיין בונטאַרישקייט) פאַלט צונויף מיט דער צייט, ווען דער אימאַזשי־ניזם האָט „געקערט וועלטן“ אין דער רוסישער פּאָעזיע. ער האָט פון אָט דער שול גערירשנט דעם אימאַזש, די בילדערישקייט, ווי א מעטאָד פון פּאָ־עטישן אויסדרוק, כאָטש ער האָט אין דעם ניט שטאַרק זיך גענוויטיקט. ער איז אַליין געווען אָנגעלאָדן מיט אויסטערלישע פּאָעטישע בילדער און האָט פון סאַמע אָנהויב אָן פון זיין שאַפן געטראָגן זיין אייגן יעסעניניש „העמדל“, ווי ער האָט ליב געהאַט צו באַצייכענען די ליטעראַרישע פאָרם. זיין בונטאַ־רישקייט איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין נאַטור, זיין יוגנט־קאַמף, וואָס ער האָט אויפגעהויבן אין דער רוסישער פּאָעזיע. ווען יעסענין איז גע־שטאַנען נאָענט צו דער אימאַזשיניסטישער שול האָט ער אָנגעשריבן די נביאיש־בונטאַרישע פּאָעמע „אינאָניאַ“. די בילדערישקייט פון אָט דער פּאָעמע איז אַן אימאַזשיניסטישע, אינגאַנצן אונטער׳ן איינפלוס פון אָט דער שול. שפּעטער־צו האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין אייגענער, אייגנאַרטיקער בילדערישקייט.

„אינאָניאַ“ האָט שטאַרק אויסגענומען, ווען זי איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן. זי איז געווידמעט דעם נביא ירמיהו און

געשאפן געוואָרן אין דער אַטמאָספער פון ערשטן פעריאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען שטראָף־רייד צו דער עקזיסטירנדיקער וועלט און נביאות וועגן און זעאונגען פון א בעסערער וועלט זיינען שטארק אפּלאָדירט געוואָרן. אין „אינאָניא" וויל דער פּאָעט דוחק זיין דעם קץ און ברענגען א נייע גאולה; ער טרעט דאָרט ארויס קעגן דער „מלכות שמים" („איך וויל נים קיין הימלען אָן א לייטער") און זאָגט צו די באַשאַפונג פון א נייער שטאָט, די „שטאָט אינאָניא, וואו גאָטהייט פון לעבן וועט זיין". אין איר וועט אויסגעדריקט דער אידעאַל פונעם האַרעפּאַשנעם פויערטום, ווען „א גערעטעניש, ווי א גאָלדענער פויגל, וועט אדורכפליען איבער דעם לאַנד דעם פרייען".

די פּאָעמע ווערט פארענדיקט מיט דער נביאות, אז „צו דער וועלט אויף שקאַפּע נייער גואל פאָרט". די שקאַפּע איז דער סימבאָל פון שוועראַרבעטער־פאַרהאָרעוועטן פויערטום, באניצט דורך יעסענינען נישט איין מאָל אין זיינע לידער. דעם דאָזיקן סימבאָל האָט ער איבערגענומען בצוואה פון זיין זיידן, וועלכער האָט אים געזאָגט: „נו, אויב עס ציט — שרייב וועגן קאָרן, ליין, נאָר וועגן שקאַפּעס — מער".

נאָך דער פּאָעמע שרייבט יעסענין אָן א ריי בונטארישע לידער, וואו ער שטעלט זיך ארויס פאר'ן „כוליגאַן" פאר עקסעלאַנס. אָט די לידער געהערן צו די בעסערע פון יעסענינ'ס שאַפונגען. אין זיי איז פארשארפט געוואָרן זיין בילדערישקייט און זיי טיילן זיך אוים מיט זייער טיפן ליריזם. אין דער פּאָעמע „ווידוי פון א כוליגאַן" דערמאָנט זיך דער פּאָעט זיינע פויערישע טאַטע־מאַמע און באַמערקט טרויעריק, אז זיי „שפּייען זיך אוים אויף אַלע מיינע לידער און געזאַנג". יעסענין איז געוואָרן א שטאָט־מענטש און גייט ארום אויסגעפּוצט אין א צילינדער־הוט און אין לאַקירטע שיך. ער איז ווייט פון דאָרפישן לעבן און ס'וואַקסט אין אים דערפאַר נאָך שטאַרקער זיין בענקשאַפט צום דאָרף, און ער „באגריסט פון דער ווייט איעדע קו פון יאַטקע אויף דער שילד" און איז „גרייט דעם עק פון יעדן פערד צו טראָגן, ווי דעם שלעפּ פון א כלה'ס חופה־קלייד".

יעסענין איז געווען נישט נאָר א בונטאר, נאָר אויך, און דער עיקר, א גרויסער ליריקער. ביידע געפילן און לײדנשאַפטן — דער ליריזם און די בונטארישקייט — זיינען דער דואַליסטישער אויסדרוק פון זיין פּאָעזיע. אין זיינעם אַן אויטאָביאָגראַפישן ליד, אין איינעם פון א סך אַזעלכע לידער, האָט ער געשריבן: „נאָר, אויב ס'זיינען שדים אין הארצן געווען, איז, הייסט, אז מלאכים דאָרט האָבן געלעבט". צו אָט דעם אויספיר איז ער געקומען

נאָכ'ן אָפּטן אַריינקוקן אין זיך און דעם פּאַרטראַכטן זיך וועגן אייגענעם מהות; עס איז דאָס באַוואוסטזיניקע פּאַרסכּהכלען פון דער נשמה־דערפאַרונג און, אין דער זעלבער צייט, דער אַנאַליז פונעם אייגענעם גאַנג אין דער רוסישער פּאָעזיע; אַ פּרואוו צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן דעם „כוליגאַניזם", מיט וועלכן ער האָט געשלאָסן יד־אחת. אינעם זעלבן ליד ווערט דער דאָזיקער געדאַנק אויסגעדריקט דורך נאָך אַ קאָנטראַסטיש בילד: „אַ זשאַבע אַ שוואַרצע מיט אַ ווייסער רויז פאַרקנסן געוואָלט האָב איך אויף דער ערד".

יעסענינ'ס כוליגאַניזם איז געווען אַזאַ ליניע, וואָס ער האָט זיך אָנ־געצייכנט; אַן אייגענע שיטה, וואָס ער האָט זיך באַשאַפן און אויסגעקליבן; אַ באַזונדערער מיטל, וואָס ער האָט זייער אָפט, צו אָפט גענוצט; און, אין לעצטן סך־הכּל, אַ מאַסקע, וואָס ער האָט אַליין אויף זיך אָנגעטאָן און מיט וועלכער ער האָט פאַרשטעלט זיין אייגן געזיכט, דאָס יונגע פּנים פונעם ליריקער־פּאָעט.

מיט דער יעסענינישער כוליגאַנעריי זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט די „גראָבע רייד", וועגן וועלכע ער האָט געשריבן אין אַ קורצן פּירוואָרט צו זיין בוך „לידער פון אַ כוליגאַן" (בערלין, 1923): „נישטאָ קיין אומריינע ווערטער. פאַראַן נאָר אומריינע פאַרשטעלונגען".

לויטן ביישפּיל פון יעסענינ'ס כוליגאַניזם האָט מען אין דער יידישער פּאָעזיע פון יענער צייט, מיט דער גרינגער האַנט פון פּרץ מאַרקיש'ן, „גע־כאַליאַסטרעוועט" אין פּוילן, און ביי אונדז אין אַמעריקע האָבן משה לייב האַלפּערן און משה נאַדיר זיך באַניצט מיט די „גראָבע רייד", ווי מיט אַ מיטל צו לעכערן די פאַרשטאָפּטע אויערן פון אַמעריקאַנער יידן, וואָס אונ־טער דעם בראַזג און טראַסק פון די „עלס" און „סאָבס" זיינען זיי טויב געוואָרן צו אַ יידיש וואָרט, בכל שכן צו יידישער פּאָעזיע.

אויף דעם זעלבן אופן האָט יעסענין געלעכערט די אויערן פון זיינע באַטויבטע פון דער צייט — רוסן.

די פּאָזיטיווע ווירקונג פון יעסענינ'ס פּאָעזיע קאָן מען געפינען אין די שאַפונגען נישט נאָר פון רוסישע, נאָר אויך פון אַ סך יידישע פּאָעטן פון רוסלאַנד און אויך אַמעריקע און אַנדערע לענדער. ווען איינער פון אונדזערע טאַלאַנטפולסטע פאַרשטייער פון „יונג ווילנע" — חיים גראַדע — זאָגט אין זיינעם אַ ליד (פון בוך „יאָ"), אַז: „ווען איך בין אַ דאָרפישער שגצל,

מונטער און שטאַרק, וואָלט איך זיך אוועקגעלאָזט כאַפּן די זון אין מיין היטל", איז עס מכלומרשטער יעסעניניזם. און, ווען דער צווייטער פון דער זעלבער גרופּע, דער גענիאַלער פּאָעט אברהם סוצקעווער, זעט (אין זיין ליד „אָוונט", בוך „לידער", וואַרשע, 1937), ווי: „אַ יונג ציט אַרויסעט אַ מעסער, אַזוי ווי אַ שטראַל פון כאַליאַווע", איז עס בפירושער יעסעניניזם.

יעסענינ'ס רעליגיעזע לידער האָט מען בשעתו אָפּגעפרעגט, ווייל אין יענער צייט האָט מען אין רוסלאַנד געטריבן „גאָט" פון אַלע ווינקעלעך, ובתוכם פון דער פּאָעזיע. ווי אַ בונטאַר, האָט יעסענין אויך געקעמפט מיט גאָט, אָבער נית איין מאָל האָט ער זיך אומגעקערט צו אים אין זיינע לידער, און אין איינעם פון זיי האָט ער אַזוי טיף־מענטשלעך, ווי אין אַ ווידוי, אויס־געוואָרפן: „איך שעם זיך, וואָס איך האָב געגלויבט אין גאָט, און ביטער איז מיר, וואָס איך גלויב נישט מער". אפשר, און געוויס, האָבן אַנדערע אויך אַזוי געפילט, נאָר קיינער האָט נישט פאַרמאָגט די קראַפט אויסצודריקן אָט די טיפע סתירותדיקע געפילן און גערדאַנקען אין אַזעלכע צוויי קורצע און אמתדיקע שורות, ווי אין די ציטערדיקע פערזן פונעם פּאָעט, וואָס איז געווען אַ טיף־רעליגיעזע נאַטור.

יעסענין קומט אַרויס פון דאָרף און פון פּויערים. ער האָט די דאָרפישע נאַטור אויפסנייע באַלעבט אין זיינע לידער און זי פאַרמענטשלעכט. ער האָט אפילו אויף דער זון, לבנה און די שטערן, אויפ'ן גאַנצן קאָסמאָס, אַרויפגע־לייגט אַ פּויעריש־דאָרפישן שטעמפּל. די גאַנצע הימלישע קאָנסטעלאַציע האָט ער איבערגעשטאַלטיקט. ער זעט דעם גע̇לן מולד זיך שפּאַנען, ווי אַ לאָשעקל, אין זיין שליטן; די לבנה — ווי אַ געקרייזלט שעפעלע, און דעם הימל זיך אָפּקעלבן מיט אַ רויט־קעלבעלע — די זון. מיט דער פרישקייט און טשיקאַווער בילדערישקייט, מיט דער נייקייט און אומגעוויינלעכקייט, וואָס ער האָט אריינגעבראַכט מיט זיינע לידער, האָט ער אוועקגעשטעלט דאָס רוסישע דאָרף אין צענטער פון דער רוסישער פּאָעזיע און ליטעראַטור פון זיין צייט.

ער האָט עס געטאָן אויף זיין שטייגער, ווי דאָס האָט געטאָן אויף אַן אַנדער אופן מיט כמעט הונדערט יאָר צוריק זיין ווייטער פאָרגייער, דער רוסישער פּאָעט און קלאַסיקער אַלעקסעי קאָלצאָוו, וואָס איז פאַראיי־ביקט געוואָרן אין דער רוסישער ליטעראַטור פאַר זיין פאָלקסטימלעכקייט

און קינסטלערישקייט, פאר זיין מאָלן דאָס לעבן און די אָרימע דאָליע פונעם רוסישן פויער און דאָרף.

יעסענין האָט נישט נאָר געמאָלן דאָס דאָרף, נאָר עס קעגנגעשטעלט דער שטאָט און הויך קינסטלעריש געשילדערט די טראַגיק פון זייער צונויפשטויס אין דער מאָדערנער צייט. די רוסישע ליטעראַטור־קריטיק האָט אויפגענומען מיט אַ סך ליבּ זיין וויזיאָנערישע פּאָעמע „רעקוויעם", וואו ער האָט אויף אַ ברייטן לייוונט געצייכנט דעם פּאַטעטישן פּאַרמעסט פונעם רויט־גריוועדיקן לאָשעקל מיט'ן באַן, וואָס טראָגט זיך אויף זיינע טשוהונענע לאַפּעס איבּער די ברייטע רוסישע סטעפּעס.

דער פּאַטאַליזם פון אַט דער פּאָעמע איז געווען דער פּאָעטישער צוגאַנג, די נביאישע העל־זעאונג און די נשמה־רעאַקציע אויפ'ן אָנקום פונעם „אייזערנעם גאַסט", וועלכן דער פּאָעט האָט געשילדערט אין זיין עלעגישן ליד „כ'בין פון דאָרף דער לעצטער פּאָעט". ווי אַ גרויסער פּאָעט, האָט יעסענין פאַרקערפּערט אין דער פּאָעמע „רעקוויעם" נישט נאָר זיינע אייגענע געפילן, נאָר אויך פון אַ סך רוסישע מענטשן, די עדות פון אַ גרויסער עפּאָכע, וואָס האָט זיך צעשטורעמט אויף די ברייטע פלאַכן פון רוסלאַנד.

די רוסישע ליטעראַטור־קריטיק האָט לויבּנדיק די פּאָעמע, באַקעמפט איר פּאַטאַליזם; די פּאָעמע הויבּט זיך אָן, ווי די גרויסע טראַגעדיעס, מיט'ן שאַלן פונעם האָרן פון אומקום, און ענדיקט זיך מיט דער יעסענינישער „אַלילויא אויפ'ן אייגענעם לאַנד'ס אָפּשטאַרבּן". די דאָזיקע פּאָעמע איז געשאַפן געוואָרן אין ברען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און די וויזיע פונעם פּאָעט איז פאַרטונקלט געוואָרן אין רויך פון אירע גרויסע פייערן.

די רעוואָלוציע האָט אַליין גענומען דיקטירן ווי אַזוי דאָס לעבן, און אויך די ליטעראַטור, זאָלן געענדערט ווערן. איז דער פּאָעט, ממילא, געבּליבּן דער פאַרלירער, ווי ס'איז געבּליבּן הינטערשטעליק דאָס דינפּיסיקע לאָשעקל לגבי דעם אייזערנעם באַן, וואָס טראָגט זיך, ווי די רעוואָלוציע, אויף טשוהונענע לאַפּעס איבּער די ווייטע רוסישע סטעפּעס.

אַט דער באַוואוסטזיין פון פאַרלוירנקייט, פון פאַראורטיילטקייט האָט שווער געדריקט אויפ'ן געמיט פונעם פּאָעט און געמאַכט געדיכטער און מרה־שחורהדיקער זיינע שטימונגען.

יעסעניו האָט אויף א צייט פאַרלאָזן רוסלאַנד, געווען אין אויסלאַנד, באַזוכט נויאָרק. ער האָט נישט געקאָנט זיין צו־לאַנג אויסער רוסלאַנד, זיין „בלויער רוס" מיט די ווייסע בעריאָזקעס — „דאָס לאַנד פון די בערעזע־ סיצן". ער איז מוחל די באַרימטקייט, און ס'גייט אים אָפּ שטאַרק זיין „געגנט די אָרימינקע". ער האָט חשבונות אויסצוגלייכן. חשבונות מיט זיך אַליין און מיט דער גרויסער צייט. אין זיינע באַטראַכטונגען פון דער צייט און זיין אָרט אין איר, קומט ער צום אויספיר, אַז: „כ'בין ניט קיין נייער מענטש, צו וואָס פאַרהוילן? אין דער פאַרגאַנגענהייט מיט איין פוס איך שטעק, און, שטרעבנדיק דעריאָגן דעם רעגימענט פון שטאָל, איך גליטש זיך אויס אין וועג, און מיטן צווייטן פוס — איך פאַל".

אין „רעקוויעם" האָט ער געהאַט זיין גרויסן וויכוח מיט דער צייט, און ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט דעם וויכוח פאַרלאָרן. ער האָט געהערט צו די יחידי־סגולה, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט רעגימענטירן, אפילו פון דער צייט. („דאָס גאַנצע הארץ וועל אָפּגעבן דעם מאַי און דעם אָקטאָבער, און נאָר מיין ליבע לירע אָפּגעבן וועל איך ניט!") ווי א פּאָעט, ווי יעדער שעפערישער מענטש, האָט ער נישט געקאָנט אויסמעקן די פאַרגאַנגענהייט, נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון איר, ווי דאָס האָט געפאָדערט די צייט, וואָס האָט איבערגעשניטן דעם נאָפּל־שנור פון דער רוסישער געשיכטע.

יעסעניו האָט דורכגעלעבט גרויסע גייסטיקע יסורים, וואָס האָבן אים צעטרייסלט און אונטערגעגראָבן א סך זיינע נשמה־יסודות. ער האָט זיך נישט געקאָנט אריינפּאַסן אין לעבן, נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט א סך זאַכן, וואָס זיינען אים נישט געווען צום הארצן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן דנאָ, געגומען „זיך פאַרגיסן די אויגן מיט וויין", ווי ער דערציילט אין דער פּאָעמע „די שענקאַרישע מאָסקווע", — כדי „נישט צו קוקן אין טראַגישן פּנים", צי דאָס איז געווען דאָס פּנים פון דער שיכורער מאָסקווע, צי דאָס שטרענגע געזיכט פון דער צייט, פאַר וועלכער ער האָט זיך נישט געוואָלט בויגן. זיין אייגן פּנים האָט ער דערזען א צעקרומטן אין שפּיגל.

נישט לאַנג פאַר זיין טראַגישן טויט האָט ער אנגעשריבן די פּאָעמע „שוואַרצער מענטש". זי איז דער קלימאַקס פון יעסעניג'ס פּאָעזיע, וואו ער האָט זיך דערהויבן צו א גרויסער הייך פון אויסדרוק און טיפער מענטש־

לעבקייט פון אפנהארציקן ווידוי, וואס האט אפגעקלונגען ווי דער לעצטער אקארד פון זיין לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען מ'האט געבראכט יעסענינ'ס טרונע פון לענינגראד צו פושקינ'ס מאנומענט, וואס אין מאסקווע אויף פלאץ סטראסטנאיא, האט מען זי אויפגעהויבן אין דער הויך, צום סאמע געזיכט פון פושקינען. און זיבן מאל האט מען ארומגעקרייזט די טרונע מיט'ן טויטן יעסענינען ארום דעם בראנזן־קאפ פון פושקינען.

ה. לייוויק האט פארצייכנט אט דעם טיף־רירנדיקן מאמענט אין זיין ליד „אויף יעסענינ'ס טויט".

„איך האב געזען דיך אויף נויארקער גאסן
אין רויטע שטיוועלעך און אין צילינדער;
איצט זע איך דיך א צווייטן מאל: מע טראגט דיך,
אן רויטע שטיוועלעך, און אן צילינדער;
מע הויבט דיך ארום פושקינען און מע באקלאגט דיך
ווי רוסלאנדיס איינעם פון די בעסטע קינדער".

עזרא קארמאן

סערגעי יעסענין וועגן זיך

איך בין געבוירן געוואָרן דעם 21 סעפּטעמבער, 1895, אין דעם דאָרף קאָנסטאַנטינאָווא, קוזמינער באַצירק, ריאַזאַנער קרייז, ריאַזאַנער גובערניע.

צו צוויי יאָר בין איך אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דערציאונג צו אַ גאַנץ פאַרמעגלעכן זיידן פון דער מוטער'ס צד, וואָס האָט געהאַט דריי דערוואַקסענע, נישט־אויסגעגעבענע זין, מיט וועלכע ס'האָט אָפּגעשטראָמט כמעט מיין גאַנצע קינדהייט. מיינע פעטערס זיינען געווען פאַרשייטע און הפקרדיקע יונגען. צו פערטהאַלבן יאָר האָבן זיי מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פערד אָן אַ זאָטל און מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן אין גאַלאָפּ. איך געדענק, אַז כ'בין געוואָרן צעמישט, נאָר האָב זיך געהאַלטן זייער שטאַרק פאַר דער גריווע. דערנאָך האָט מען מיך געלערנט שווימען. איין פעטער (דער פעטער סאַשאַ) פלעגט מיך נעמען אין אַ שיפל, אָפּפאָרן פון ברעג, אַראָפּנעמען פון מיר דאָס אונטערוועש און, ווי אַ הינטל, וואַרפן אין וואַסער. איך פלעג אומגעשיקט און דערשראָקן פּליעסקען מיט די הענט און, ביז איך פלעג זיך נישט פאַרכלינען, האָט ער אַלץ געשריגן: „עך, סטערווע, נו, צו וואָס טויגסטו?״ „סטערווע״ איז ביי אים געווען אַ צערטלדיק וואָרט. שפּעטער, צו אַכט יאָר, האָב איך פאַר'ן אַנדערן פעטער אָפט פאַרביטן אַ יעגער־הונט, געשוואומען איבער אָזערעס נאָך ארונטערגעשאָסענע ענטלעך. איך האָב זייער גוט געקלעטערט אויף ביימער. צווישן יינגלעך בין איך שטענדיק געווען דער רעדלפירער און גרויסער שלעגער און תמיד ארומגעגאַנגען אַ צעדראָפּעטער. פאַר די שטיפערייען האָט מיך געזידלט נאָר די באָבע, און דער זיידע פלעגט צומאָל אַליין מיך אָנרייצן אויף פויסטן־געשלעג און אָפט זאָגן צו דער באָבע'ן: „דו, נאַר, ריר

אים ביי מיר ניט אָן, ער וועט אזוי זיין שטאַרקער!״ די באָבע האָט מיך זייער ליב געהאַט, און צו איר צערטלעכקייט איז נישט געווען קיין גרענעץ. יעדן שבת פלעגט מען מיך וואַשן, שערן די נעגל און שמירן דעם קאָפּ מיט צעשמעלצטן פּוטער, ווייל קיין קעמל האָט נישט גענומען די קודלאַטע האָר. נאָר אויך די פּוטער האָט ווייניק־וואָס געהאָלפן. איך האָב שטענדיק געשריגן מיט באַנומענע קולות, און אפילו איצט האָב איך עפּעס אַן אומאַנגענעמען געפיל צו שבת.

אזוי איז אַדורך מיין קינדהייט. ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָט מען געוואָלט מאַכן פון מיר א דאָרף־לערער און דערפאַר אָפּ־געגעבן אין אַ קלויסטער־שול פאַר לערער. נאָכ׳ן ענדיקן די שול האָב איך געזאָלט אַנקומען אין מאָסקווער לערער־אינסטיטוט. צום גליק איז דאָס ניט געשען.

לידער האָב איך אָנגעהויבן שרייבן פרי, צו ניין יאָר, נאָר די באַ־וואוסטזיניקע שאַפונג טראָג איך אָפּ צום 16—17 יאָרן. אייניקע לידער פון אָט די יאָרן געפינען זיך אין דער זאמלונג „ראַדוניצאַ״ („דער רעגנבויגן״).

צו אַכצן יאָר, נאָך דעם ווי איך האָב צעשיקט מיינע לידער אין זשורנאַלן, האָב איך זיך געוואונדערט פאַרוואָס מ׳דרוקט זיי ניט, און בין אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט מען מיך אויפגענומען זייער פריינדלעך. דער ערשטער, וועמען איך האָב דערזען, איז געווען בלאָק, דער צווייטער — גאָראָדעצקי. ווען איך פלעג קוקן אויף בלאָק׳ן, האָט פון מיר געטריפט דער שוויים, ווייל כ׳האָב צום ערשטן מאָל געזען א לעבעדיקן פּאָעט. גאָראָדעצקי האָט מיך צונויפגעפירט מיט קליויאָוו׳ן, וועגן וועמען איך האָב פריער קיין וואָרט נישט גע־הערט. מיט קליויאָוו׳ן איז ביי אונדז, ביי דעם גאַנצן אינעווייניקסטן סיכסוך, געשלאָסן געוואָרן א פריינדשאַפט.

אין די זעלבע יאָרן בין איך אריינגעטראָטן אין שאַניאַווסקי׳ס אוניווערסיטעט, וואו איך בין אָפּגעווען אינגאַנצן אַנדערטהאַלבן יאָר, און ווידער אַוועקגעפאָרן אין דאָרף.

פון פּאָעטן־מיטצייטלער זיינען מיר מער פון אַלע געפעלן בלאָק, ביעלי און קליויאָוו. ביעלי האָט מיר אַ סך געגעבן אין זין פון פאָרם, און בלאָק און קליויאָוו האָבן מיך אויסגעלערנט לירישקייט.

אין יאָר 1919 האָב איך מיט אַ ריי חברים פאַרעפנטלעכט דעם מאַניפעסט פון אימאַזשיניזם. דער אימאַזשיניזם איז געווען אַ פּאַר־מעלע שול, וואָס מיר האָבן געוואָלט באַפעסטיקן. נאָר אָט די שול האָט אונטער זיך נישט געהאַט קיין באָדן און איז אָפּגעשטאָרבן פון זיך אַליין, איבערלאָזנדיק דעם אמת צום נאַטירלעכן בילד.

פון אַ סך מיינע רעליגיעזע לידער און פּאָעמעס וואָלט איך מיט פאַרגעניגן זיך אָפּגעזאָגט, נאָר זיי האָבן אַ גרויסן באַטייט ווי דער וועג פונעם פּאָעט ביז דער רעוואָלוציע.

פון אַכט יאָר אָן האָט די באָבע מיך אַרומגעשלעפּט איבער פאַר־שיידענע מאָנאַסטירן. אַדאַנק איר זיינען ביי אונדז שטענדיק איינ־געשטאַנען פאַרשיידענע גייערס און גייערינס. מ'האָט געזונגען אַלערליי רעליגיעזע לידער. דער זיידע, פאַרקערט. איז געווען נישט קיין נאָר אויסצוטרינקן. פון זיין צד זיינען שטענדיק פאָרגעקומען חתונות אָן חופּה־וקדושינ'ס.

שפּעטער, ווען איך בין אַוועק פון דאָרף, איז מיר לאַנג אויסגע־קומען זיך פונאַנדערצעקלייבן אין מיין צושטאַנד.

אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע בין איך אינגאַנצן געווען אויף דער זייט פון אָקטאָבער, נאָר האָב אַלץ אויפגענומען אויף מיין איי־גענעם שטייגער, מיט אַ פּויערישן אָפּנייג.

אין זין פון פאָרמעלער אַנטוויקלונג ציט מיך איצטער אַלץ מער צו פּושקינען.

וואָס קער זיך אָן די איבעריקע אויטאָביאָגראַפישע ידיעות — זיינען זיי אין מיינע לידער.

סערגעי יעסענין

אָקטאָבער, 1925



לידער

אויסגעוועבט אויף אָזערע פּורפּל־שיין פון גין,
אויערהאָן אין סאָסנע־וואַלד וויינט מיט קלאַנגען דין.

ערגעץ וויינט אַן אָרעאָל טיף פארשטעקט אין הויל.
מיר נאָר וויינט זיך נישט — אין האַרץ ליכטיק איז און וואויל.

כ׳וויים, פארנאַכט־צו וועסט אַרויס צו דעם וועגן־בויג,
וועלן זיך אין סטערטעס־פריש זעצן ביי א סטויג.

כ׳וועל ביז שיכרות קושן דיך, קניטשן, ווי דעם צוויט,
אַ באַרוישטן פון דער פרייד קומט באַרעדן ניט.

פון מיין צערטלען וואַרפן וועסט שלייערזייד אַליין,
כ׳טראָג אין קוסט א שיכורע דיך ביז זון־אויפגיין.

און זאָל וויינען אויערהאָן מיט די קלאַנגען דין,
ס׳איז דאָ בענקשאַפט פריילעכע אינעם פורפל־גין.

1910



מאַמעשי אין וואַלד געגאַן איז אין נאַכט פון טבילה,
באָרוועסע, מיט קלייד פאַרשאַרצט איבער טוי דעם קילן.

צויבערגראָז געשטאָכן האָט אירע פיס אין גייען,
האָט געוויינט די ליבע אין בוזיקעס פון ווייען.

און די לעבער ניט דערשפירט, קראַמפּעדיק געוואָרן,
שפּייזעריך אַן אָבך געטאָן, און האָט דאָ געבאָרן.

כ'בין געבאָרן מיט אַ ליד אין א גראָז־דעק גרינער,
איינגעוועבט אין רעגנבויגן פון די פרילינג־גינען.

אויסגעוואקסן, אייניקל פון דער נאַכט פון טבילה,
פינצטערניש פאַרכישופטע זאָגט־צו גליק מיר שטילן.

נאָר ס'איז גליק א פאַרטיקער דעם געוויסן פרעמד דאָך,
קלייב איך אויס זיך איינס־און־צוויי אויגן און די ברעמען.

ווי אַ ווייסינק שנייעלע, שמעלץ איך אין לאזור,
און צום גורל, וואָס צעשיידט, קער איך אויס די שפּורן.

1912

שוואַרצע, מיט שוויים דורכגעשמעקט, מוטער־ערד,
ווי זאל ניט ליבן דיך, צערטלען באגערט.

גיי איך צו דאַמבע אויף אָזערע־בלוי,
טוליעט צום האַרצן זיך נאכטיקע וואויל.

ביידלעך פון רעדנעס־גרוי שטייען ארום,
טויבלעך טשערעטן עס ליולען דעם זומפּ.

פּאַנען פּאַרבלוטיקט האָט שייטערפלאַם־רויט,
לבנה׳ס וויים־לעדלעך אין ריטלעך ביים פּלויט.

שניטערס, אויף שפּיצפינגער, אין גיך־פּלעקנשפּיל,
הערן א סאגע פון זקן אין שטיל.

ערגעץ אין ווייט, אויפ׳ן טייכ׳ס קווערן שניט,
זינגען די פישערס א דרעמלדיק ליד.

זומפּיקע נאַקעטקייט לויכט זיך, ווי בליי . . .
אומעטיק ליד, דו, — דו, רוסישער פּיין.

1914

ס'טריקנט ליים נאָכ'ן געוויטער,
אויף די בערגלעך — פוילער שפּליטער.

ס'טאַנצט דער ווינט איבער'ן פליין —
רויטער, מילדער, אייזל־קליין.

ס'שמעקט מיט ווערבע און מיט סמאָלע,
הימל בלוי אָט זיפצט, אָט חלומט.

ביים וואַלד־שטענדער, גריך־באַצירט,
שפּערל לייענט דעם פּסאַלטיר.

פּאַראַיאָריק בלאַט אין ראָוון,
ווי א קופּע־מעש, באַגראָבן.

אין א קאפטן, זון־געניית,
עמעץ רייט אויף אייזל רויט.

סאָסנעס, יאָדלעס זיך בויגן איינ'עט,
שרייען אוים צו אים: „הושע־נא!"

1914

זומפּערטיף און בלאָטעס,
הימל'ס בלויע שאָל.
מיט באַגילד פון נאָדלען
קלינגלט אוים דער וואַלד.

ס'רימפּלט דער בלויפויגל
אינעם וואַלד־געקרויז.
טונקל־יאָדלעס טרוימט זיך
שניטערשער געברויז.

מיט א סקריפּ זיך שלעפּן
פורן איבער וועג,
פריש, קוים־טרוקן ליפּע
פון די רעדער שמעקט.

ס'האָרכן די ראַקיטעס
ווינטישן געפייף . . .
לאַנד, דו מיין, פאַרגעסן,
אייגן לאַנד, דו מיין!

1914

איז געגאַנגען גאָט מיט ליבע מענטשן פּרוואָוון,
ווי אַ בעטלער האָט ער זיך אין וועג געזאַמלט.
אַלטער זיידע אויף אַ פּניאַק אין וואַלד דעם טיפֿן
קיבעלע מיט יאַסלעס, דאַרינקעס, האָט געזשאַמעט.

האָט דערזען דעם בעטלער אויפֿ'ן וועג דער אַלטער,
אָנגעשפּאַרט אויף שטעקן אייזערנעם מיט אַנקער,
און אַ טראַכט געטאָן האָט: — זע נאָר, אָט־אָ פֿאַלט ער,
שוואַך, ווייזט אויס, פֿון הונגער וואַקלט זיך דער קראַנקער.

האָט געגענט זיך גאָט דאַן, טרויער, פֿיין פֿאַרבויגן:
קענטיק, זייערע הערצער ניט דערוועקן קאַרגע . . .
און געזאָגט האָט זיידע, און די האַנט געצויגן:
— נאַ, גיב אויך אַ קיי . . . אַ ביסל וועסט זיך שטאַרקן.

1914

כ'בין ווידער דאָ, אין אייגן היים,
מיין לאַנד, פאַרקלערטע און מיין צאַרטע.
אהינטער באַרג דער דעמער שוימט
און מיט דער האַנט שנייוווייסער מאַכט ער.

די גראָע האָר פון סומנע טעג,
צעשויבערטע, פאַרביי זיי שווימען.
און אָוונטיקער אומעט רעגט
אָן מאָס מיך — ניט איבערצוקומען.

אריבער קלויסטערקעפ געוועלבט
האָט דעמער־שאָטן טיף גענידערט.
אָ, פריינד פון שפּיל און שטיפן העל,
איך וועל שוין אייך ניט זעען ווידער.

אין שיכחה יאָרן ווייט אַוועק,
נאָך זיי זיינט איר אויך וואו פאַרפאַלן.
און נאָר ביי פליגלמיל, אויף ברעג,
ווי פריער, וואסער רוישט אין פאַלן.

און, אָפט, ביינאַכט, ווען נעפּל ווערט,
און גראָז זיך ברעכט מיט קלאַנגען טויטע,
איך בעט צו רויכעריקער ערד
פאַר ווייטע און ווייט־אָפּגעשיידטע.

1915

דאָרט הינטער פינצטער וואַלדגעוועבן,
אין בלויאיקייט ניט־אנגערירט,
געגרייזלט שעפּעלע — דער מולד —
ארום אין בלויען גראָז שפּאַצירט.

אין אָזערע, פאַרשטילט, עס שטויסן
די הערנער זיינע זיך אן בוים, —
און ס'דאַכט זיך פונעם שטעג דעם ווייטן —
דאָס וואַסער וויגט דעם ברעגן־זוים.

און ס'דעמפּט אויס אונטער גרינעם פאָרהאַנג
דער סטעפּ ווילדפּערלדיקן רויך,
און איבער בערג אהינטער טאָלן
א פייערפלאַם וועבט אין דער הויך.

א, לאַנד פון ווילדן גראָז פון וועלדער,
צום האַרצן נאָנט דיין גלייכקייט ווערט,
נאָר אין דיין טיף איז אויך פארבאָרגן
דער אומעט פון געזאַלצן ערד.

און דו, ווי איך, אין טיפן טרויער,
פאַרגעסן ווער דיין פריינד און פיינד,
בענקסט צו די וואָלקנדלעך, ווי טויבן,
און צו דעם הימל'ס ראָזער שיין.

נאָר פינצטערניש פון בלויער ברייטקייט
ווייזט שרעקעוודיק אויך אָן צו דיר
דעם הויקער פון די בערג אוראַלער
און קייטן פון דיין לאַנד־סיביר.

1915

נאַכט און פעלד, און דער האָן קרייט שוין אוים . . .
צבאות קוקט פון גאָלד־וואָלקן אַרוים.

אין בלוי־טאָל פון די אָשינעם דין
עפּל קייקלט דער בייסיקער ווינט.

אָט איז זי, די ניטפּריילעכע הארב
מיט דער פייגלשער בענקשאפט פון הארבסט!

ווי א גלאָק אַ פאַרשטומטער אויף דר׳ערד
פאָטער׳ס הויז האָט זיך איבערגעקערט.

דאָ איז אַלץ איצט, ווי פונעם אמאָל,
זעלבע סטאַדעס, דער טייך און דער טאָל.

װערבעס נאָר אױפ'ן בערגל אין רױט
טרײסלען מיט'ן צעקרישלטן קלײד.

טױט, פֿאַרזונקען אין פֿינצטער איז װער,
װעט אױף באַרג שױן ניט זינגען דאָרט מער.

הײמיש פּײער א פֿרידלעכער טראכט
פֿון די פֿלײצעס פֿאַרפֿאלן אין נאַכט.

אין איקאָנעשן װינקל אין שטיל
רײז דער מולד פֿארקנעט אױפ'ן דיל.

הינטער אױװן שטערט שרעקיקע מױז
מיט'ן אָנדענק די רז נאָר פֿון הױז.

1915

דאָרטן, אינעם לאַנד פון קראַפּעווע דער געלער
אונ דעם האַרטן פּלויט,
יתומדיק זיך טוליען צו די ווערבעס העלע
דאָרף־שטיבער פאַרגרויט.

דאָרט, אין פעלדער, הינטער בלוי־וואלד׳ס דיקע שטאמען,
גרין־אָזערעס אָן ברעג,
ביז סיבירער בערג א וועג צווישן די זאַמדן
האָט זיך אויסגעשטרעקט.

רוס האָט זיך פאַרלוירן צווישן טשוד און מאָרדווע,
גאָרניט שרעקט זי ניט.
און אין קייטן מענטשן איבער יענעם וועג דאָרט
גייען איינגעשמידט.

אַלע זיינען זיי גנבים אָדער מערדער,
וויי גורל האָט באשערט.
ליב געקראָגן האָב איך זייערע בליקן שווערע,
באַקן אויסגעצערט.

ביז א סך פון פרייד איז אין די מערדער שטומע,
זייער האַרץ איז פראָסט.
נאָר אויף פּנים שוואַרצן זיך די מיילער קרומע,
בלויע פון פארדראָס.

און איך צערטל איין געדאנק אין זיך, פארהוילן —
ס'איז מיין האַרץ אָן זינד.
אָבער איך וועל אויכ'עט וועמען-עס-איז קוילען
אונטער פייף פון ווינט.

און מיך אויכ'עט מיט די ווינטישע שטאפעטן,
צי אויף זאַמד אַרום,
מיט אַ שטריק אויף נאַקן פירן דאָרטן וועט מען
אומעט ליבן שטום.

און מיט שמייכל, ווען די ברוסט איך וועל צעשטרעקן,
גלאַט אזוי אַ שטרעק —
וועט דער הארבסטיק וועטער מיט'ן צונג פארלעקן
מיין פארגאנגען וועג.

1915

דער טאבון

א

טאבונען פערד אויף גרינע בערגלעך אין געיעג
מיט נעזלעכער דאָס גאָלדוועב בלאָזן אָפּ פון טעג.

אין בלויענדיקן גאָלף פון הויכן באַרגן־קאָפּ
דאָס פעך פון גריוועס וויגנדיקע פאַלט אַראָפּ.

די פערד־קעפּ ציטערן אויף וואסער׳ס שטילן שוים,
און ס׳פאַנגט דער מולד זיי מיט זילבעריקער צוים.

אויף אייגן שאָטן כראָפּענדיק אין א דערשרעק,
מיט גריוועס גרייטן זיי פאר נייעם טאָג א דעק.

ב

אין אויער פונעם פערד עס קלינגט דער טאָג פון פרילינג
צו ערשטע פליגן מיט גוטפריינדשאפטלעכן ווילן.

נאָר אָוונט־צו די פערד שוין אויף די לאָנקעס הויערן
און בריקען מיט די פיס, און פאַטשן מיט די אויערן.

אַלץ שניידיקער דער צוגעקלעפּטער קלאַנג צו קלאָען,
אָט הענגט ער אויף אַ בוים, אָט זינקט אין לופט דער בלאָער.

און גיט א כוואַליע צו דעם שטערן זיך אַ וויג נאָר,
אויף וואַסערפלאַך, ווי אַש, צעפּינטלען זיך די פליגן.

ג

די זון איז אויסגעלאָשן. אויף דער לאָנקע — שטיל.
דער פּאַסטעך אויפ'ן פּייפיאַל אַ לידל שפּילט.

מיט שטערנס אָנגעשטעלט, הערט צו זיך דער טאבון
וואָס זינגט זיי דער צעשויבערטער, פון פעלד דער זון.

און עכאָ פריילעכע, פון זייער ליפּ אַראָפּ,
געדאנקען זייערע צו לאָנקעס ווייט טראָגט אָפּ.

אין ליבע צו דיין טאָג און פינצטערניש פון נאַכט,
האָב איך פאַר דיר, אָ, היימלאנד, אָט דאָס ליד פאַרטראכט.

1915

זילבערקלינגעוודיקער גלעקל,
זינגסט? צי נאָר מיין האַרץ זיך חלומט?
שיין פון ראָזאָווער איקאָנע
אויף די וויעס מיינע גאָלדן.

זאָל ניט זיין איך יענער ייִנגל
אינעם טויבן־פליעסק פון פליגל,
ס'איז מיין חלום צארט און פריידיק
פונעם וועלדל דעם ניט־היגן.

איך באַדארף ניט קרעכץ פון קבר —
וואָרט און סוד באַזונדער וואכן.
לערן אויס, אַז מען זאָל קאָנען
קיינמאָל גאָר ניט צו דערוואַכן.

1915

דאָרט אונטער רויט־אולם — א גאנעק און הויף,
לבנה אויף דאַך, ווי א גאָלד־באַרג געהויפט.

געשטאַלט אָנגעקאַפּעט אויף פענצטער בלוי,
עס שפּאַנט איבער וואָלקן א זקן גרוי.

מיט זשמעניע פארברווינטער פאר שטיל ביימער־דריי
צעווארפט ער די שטערן — דעם ווינטער־פאַרזיי.

עס וואקסט אוים די תבואה, און קערנער פון האַרץ
מיט קלינג־קלאַנג פון הימל פאַלן אויף האַרטס.

כ׳געדענק יענע צייט, וואָס ווי קלאַנג אינעם רוים,
מיט שנאָבל געקלאַפּט האָט אין קנופּ פונעם בוים.

כ׳בין גראָז דאַן געוועזן, נאָר מוח פארקנאָכט
געגלויבט האָט אין פעלד שוין און וואסער־געקאָך.

צופּוסנס בײַ יאָדלע, פֿון װאָלקן פֿאַרצױמט,
מיר האָבן זיך טײַכן פֿון גאָלד־טאָל געטרױמט.

געהערט האָט מײַן גײַסט פֿון א באַרגיקן לאַנד,
װאו ס'איז א געבורט אין פֿאַרזײַט װאָרט פֿאַראן.

1915

ניט געוואנדלט, ניט געקנייטשט אין רויטע קוסטעס
ווילדע גראָז, און ניט געזוכט די שפּור אין טאָל.
מיט'ן גאַרב פון דיינע האָר די האָבעריקע
אָפּגעחלומט האָסט זיך מיר אויף אַלע מאָל.

אויף דער הויט מיט זאַפט פון יאַגעדע דער רויטער
ביסט א צאַרטע און א פּראַכטיקע, געווען
צו דער ראַזיקייט געגליכן פון דער שקיעה
און, ווי שניי, א ליכטיק־שטראַליקע געבלענדט.

דיינע אויגן־קערנער אָפּגעוועלקט, צעשאָטן,
דינער נאָמען, ווי א קלאַנג — זיך אויסגעוועפּט.
האָניק־ריח פון אומשולדיק הענט געבליבן
איז נאָר אין די פאלדן פון דער שאל'ס געוועב.

אין דער שעה דער שטילער, ווען אויף דאך דער גינעו,
ווי א קעצל, וואַשט דאָס מויל מיט לאַפּקע זיך,
א געדייד אַ צאַרטן פון די וואַסער־גייסטער,
וואָס מיט ווינטן זינגען, וועגן דיר הער איך.

זאָל דער בלויער אָוונט מיר צומאָל פּאַרטרויען,
אַז אַ טרוים און ליד ביסט דו געווען פאַר מיר,
דאָך, ווער אויסגעטראַכט האָט וואוקס דיין שלאַנקען, פּלייצעס,
האָט מיט מויל דעם סוד דעם ליכטיקן באַרירט.

ניט געוואַנדלט, ניט געקנייטשט אין רויטע קוסטעס
ווילדע גראָז, און ניט געזוכט די שפּור אין טאָל.
מיט'ן גארב פון דיינע האָר די האָבעריקע
אָפּגעחלומט האָסט זיך מיר אויף אַלע מאָל.

1915

געבלוי

א

אין דורכזיכטיקער קעלט צעבלויט זיך האָבן טאָלן,
פון די געשמידטע קלאָען איז דייטלעך דער געקלאַפּ.
דאָס אָפּגעוועלקטע גראָז אין אויסגעשפּרייטע פּאָלעס
דעם מעש פון אָפּגעווינטיקטע ראַקיטעס קלייבט.

עס פּויזעט, ווי א דוהע דיך, ארויף פון פּוסטע גריבער
דער פייכטער נעפּל, און אין מאָך געקרויזטן הענגט.
און ס'בויגט דער אָוונט זיך איבער'ן טייכל איבער,
און פינגער פון די בלויע פּיס אין וואַסער שווענקט.

ב

מיט האַרבסטיק קעלט צעבלומט די האָפּענונגען זיינען,
אַ שטילער, ווי דער גורל, מיין פערד פּאַמעלעך שפּאַנט.
און זיין קוים־נאַסע ליפּ, א ברוינע, ווי קאַשטאַנען,
רירט אָן און כאַפּט פון פּאָכעדיקן קלייד דעם ראַנד.

געהיימע שפּורן ציען מיך צו וועגן ווייטע,
ניט צו קיין שלאַכט, און ניט צו רואיקייט, —
דער טאָג וועט לעשן זיך מיט שווינד פון גאָלדן פּיאַטע,
און ס'וועט זיך איינלייגן די מי אין קאָרב פון צייט.

ג

מיט ראָפּט צעקרישלטן עס רויטלען זיך אויף וועגן
די פּליכעוואַטע בערג און פלאַך פון זאַמדיק שוים.
און ס'טאַנצט דער דעמער אין דער גאַלקישער אויפרעגונג
און בויגט די לבנה אין אַ פּאַסטעך־האָרן אוים.

די דערפער וויגט אַ רויך אַ מילכיקער, ווי ווינטן,
נאָר ס'איז נישטאָ קיין ווינט, פאַראַן נאָר גרינגער קלאַנג.
און ס'דרעמלט רוס אין איר'ן אומעט אויפגעמונטערט,
אין בארגאַראָפּ דעם געלן מיט די הענט פאַרצוואַנגט.

ד

עס רופט דער נאַכטלעגער, ניט ווייט איז צו אַ הויז שוין,
עס שמעקן גערטענער מיט צוגעפּוילטן קראָפּ.
אויף גרויע בייטן פון די היפּטלעך קרויט צעפּלוישטע
לבנה־האָרן אויל אין טראָפּנס טריפט אראָפּ.

איך צי צו וואַרים זיך, איך עטעם ווייכן ברויט שוין
און מיט אַ כראָמטש איך בייס די אוגערקעס אין טרוים.
און אונטער גלייכער גלאַטקייט דער הימל אויפגערוישטער
אַ וואָלקן פירט אַרוים פון פערדשטאַל פאַר דער צוים.

ה

אָ, נאַכטלעגער, מיר איז באקאנט שוין פון לאנגאַנגען
דיין וועגן־גינציקייט צום בלוט, וואָס איז צעוויגט.
די באלעבאָסטע שלאָפט, און ליבע פאראלמנהט
האָט פריש־צעשפרייטע שטרוי מיט לענדן צוגעדריקט.

ס'שאריעט שוין אויף טאָג, עס האָט די פאַרב פון פרייסן
איקאָנע־שראנק אין ווינקל ארומגעזוימט מיט דרויב.
נאָר דריבנער רעגן מיט זיין פריי־געבעט דאָ רייסט זיך
און אָן אַן אויפהער קלאַפט ער אויף דער מוטנער שויב.

ו

און ווידער גייט פאר מיר דאָס פעלד אויף אין געבלויען,
עס וויגן קאַליוזשעס געזיכט פון רויטער זון.
אין האַרצן אנדער פרייד און אנדערשדיקע ווייען,
און ס'קלעפט זיך צו א שפראַך א נייע צו דער צונג.

דאָס בלוי אין בליקן קילט, ווי וואַסערן געדרייטע,
פארווארפנדיק די צוים מיין פערד פאַמעלעך שפאַנט.
און הויפנס לעצטע בלעטער פון פאָלעס אויסגעשפרייטע
דער ווינט צעוואַרפט נאָך זיך מיט זיין פארברוינטער האַנט.

1915

דאָס ליד פון א צויג

אינדערפרי אינעם שייער פון קאָרן,
וואו עס גילדן זיך רעדנעס אין עק,
האָט די צויג דאָרטן זיבן געבאָרן,
זיבן קליינינקע, רויטינקע שנעק.

ביז פאַרנאַכט אויף זיי צאַרטקייט געגאָסן,
אַלע זיי צוגעקעמט מיט דער צונג,
און געשטראָמט ווייסער שניי האָט צעפלאָסן
אונטער בויך איר'ן, וואַרימען, יונג.

און אין אָוונט, ווען הינער זיך נורען
און באַזעצן דעם הינער־שלאק,
באַלעבאָס איז געקומען א כמורער,
און פאַרפאקט אַלע זיבן אין זאַק.

איבער ראָזון אין ווינטער־געווימער
איז געלאָפן זי קוים מיט אים גלייך.
און עס האָט אזוי לאנג, לאַנג געציטערט
ניטפארפרוירענע גלאַטקייט פון טייך.

און, ווען קוים האָט זיך שלעפן באַוויזן
זי צוריק, און געלעקט אייגן שוויים,
האָט דער מולד זיך איר אויסגעוויזן
ווי א שנעקעלע איר׳ם איבער הויז.

צו דעם בלוי האָט געקוקט זי, געבולן,
אין געביל איז פארגאנגען זיך שטאַרק,
נאָר דער מולד זיך גליטשט ניט־קיין־פולער
און פארשווינדט אינעם פעלד היטער באַרג.

און באטויבט, ווי מען ווערט פון נדבה,
ווען מע וואַרפט אין א שפּאָס איר אַ שטיין,
האָבן הינטישע אויגן אין ראָזון
זיך פארקייקלט מיט שטערן אין שניי.

1915

דאָרט, וואו ס׳דרעמלען אייביק סודות,
זיינען פעלדער ניט פון הי.
ווי א גאַסט, אַ גאַסט באשיידן,
ערד, אויף דיינע בערג איך צי.

וועלדער, טייכן — ברייט און מונטער,
שטאַרק דער שוואונג פון פליגל־שלייף.
נאָר די יאָרן, די יאָרהונדערט
האָט פארנעפּלט שטערן־לויף.

ניט פון דיר געקושט דער גאסט איז,
ניט מיט דיר — מיין גורל־בונד.
נייער וועג פאר מיר געפּאַסט איז
פון דער שקיעה צו דער זון.

ס׳איז באשערט מיר פון לאַנגאָנען
אָפּפליען אין פינצטערניש.
אין געזעגן־שעה וועל גאָרניט
איבערלאָזן קיינעם־נישט.

נאָר פאר וועלט, וואו ס'שלאָפן ווינטן,
אין דער רו, פון שטערנס היים,
אויגן אָפּענע וועל צינדן
אין צוויי לבנהס איבער תהום.

1916

דיין שטים פארהוילן, ווי רויך אין הויז,
צו דיר איך בעט פון שטיל האַרץ אַרויס.

מיט האָבער־פּנים איך שפּייז דעם מוט,
געהילף פון לעבן, פריינד שטילער, גוט.

מיט אַרץ פון זון איז דאָס ליכט פארזייט,
פאר אייביק אמת — קיין נאָמען גרייט.

עס ציילט די צייט אויס פון טרוים דאָס זאַמד,
נאָר נייע קערנער האָסט דו געזאַמלט.

אויף פּאַשעס ווייטע עס וואַקסט דאָס וואָרט,
געדאנק מיט ווילדגראָז האָט זיך געפּאָרט.

אויף שטאַרקן בויג פון די הענט אין לופט
דער בויער־קלאַנג שטעלט די קלויסטערס אוף.

דיין בלום צעטרעטן דאָס האַרץ דערפרייט,
זען אייגן שפּור אויפ'ן ערשטן שניי.

נאָר שענער — מילדקייט און גלוט געשטילט
פון אויג פאַרמאַכטן פאַר פליגל־שפּיל.

1916

פון רויטן אָוונט האָט דער וועג פארקלערט זיך,
פארנעפּלטער פון טיף דער פּאָקן־קוסט ביי זייט.
מיט קינבאק פון דער שוועל די אַלטע כאַטע
דאָס שמעקעוודיקע ווייכקייט פון דער שטיל צעקייט.

די אָסיענדיקע קעלט, א צאַרטע, ליבע,
מיט פינצטער גנבעט זיך צום האָבעריקן הויף.
דורך בלויער שויב אַ יונג מיט געלער פּאטלע
די אויגן שטראַלט אויף שפּיל פון גאלקע אין געלויף.

א גרינער אַש זיך ציט פון ראָזן אויוון
און קוימען נעמט אַרום, און גלאַנצט איבער׳ן דאַך.
ס׳איז ווער ניטאָ, און ווינט דיך־ליפּיקער
פון ווענען פליסטערט, וואָס פאַרפאלן איז אין נאַכט.

ס׳וועט ווער אין וועלדער שוין מיט פיס ניט טרעטן
אויף בלאט צעקרישלטן און אויפ׳ן גאָלד פון גראָז.
אַ לאנגער קרעכץ, מיט מאָגער קלאנג זיך טוקנדיק,
דעם שנאָבל קושט פון שוואַרצער סאָווע אָנגעבלאָזט.

געדיכטער דער טומאן, אין שטאל איז רו און דרעמל,
דער וויטער וועג צעצייכנט דעם גליטשיק־פייכטן ראָוו . . .
און ס'אָכצעט אונטער צארט די גערשטנדיקע שטרוי,
פון ליפּ פון שאָקלענדיקע קי הענגנדיק אראָפּ.

1916

כ׳קוק אין פֿעלד, איך קוק אין הימל —
פֿעלד און הימל — פּאַראדיז.
ס׳טרינקט אין סטויגן־ברויט זיך ווידער
לאַנד מיין ניטפּאַראַקערטעס.

אין די וועלדער ניט געפּאַשעט
סטאדעס נעמען זיך ניט אויס,
און עס שטראָמט פֿון בערג די גרינע
שטראָם דער גאָלדענער אַרויס.

אָ, איך גלויב — פֿאַר פֿיינען, קענטיק,
איבער וויסטן פֿויער׳ס קאָפּ
עמעץ מילדע הענט מיט מילעך
גיסט אַראָפּ.

1916

אָ, רוס, צענעם די פליגלען,
אַן אנדער קראַפט באלעבן!
מיט נעמען מיט גאָר אנדערע
שטייט אויף אַן אנדער סטעפּ.

איבער'ן טאָל דעם בלויען,
צווישן קי און שאָף,
גייט אין א גאָלדענער רעדנע
דיין אלעקסעי קאָלצאָוו.

אין הענט — ברויט א לאבן,
די ליפּן — וויינשלזאפט.
און הימל אויסגעשטערנט
האָט פאַסטעך־האָרן שאַרף.

נאָך אים, פון שניי און ווינטן,
פון טויער פון מאָנאַסטער,
גייט, אָנגעטאָן אין שיינען,
זיין ברודער מיטלסטער.

פון וויטעגרע ביז שואי
האָט אויסגעשפּאַנט ער פריי,
געוויילט דעם נאָמען — קליויעוו
האָט שטילער מיקאָלאַי.

מאָנאַך א קלוגער, מילדער,
ער שמ'ט אין פאָלק'ס גערייד,
און פון זיין קאָפּ אָן קודלעם
אַראָפּ שטיל פּאסכא גייט.

און, הינטער בערגלעך־סמאָלע,
מיט שטעג, געהיים, איך שפּאַן
א קוטשעראווער, פריילעך,
אזאַ רויבערישער מאַן.

משופּע, לאַנג דער וועג איז,
אָן צאָל די בערג אין ווייט.
אפילו מיט גאָט'ס סודות
געהיים איך פיר א שטרייט.

כ'רייס אָפּ מיט שטיין די לבנה,
און אינעם ציטער־זוים
ווארף, העננדיק אין הימל,
א מעסער אינעם רוים.

נאָך מיר אין ריי, פֿארבאָרגן
א רינג פֿון אנדערע גייט,
און ווייט איבער די דערפֿער
א מוטיק ליד זיך שפּרייט.

פֿון גראָז מיר בינדן ביכער,
און טרייסלען ווערטער־זול,
און אונדזער גלייבן, טשאפּיגין,
זינגט, ווי דער שניי און טאָל.

פֿארשווינד, זינק איין, דו, שבט
פֿון עיפּושדיקן טרוים!
אויף קארק פֿון שטיין מיר טראָגן
דעם שטערן־דרויש אין רוים.

געגנוג צו פּוילן, נאָגן,
באַפֿליגלט לויבן מיסט —
ס׳האָט אויפֿגעוואכטע רוסלאנד
דאָס דזשעגעבץ אָפּגעווישט.

צענומען האָט די פֿליגלען
איר שטומע קראַפֿט, באלעבט!
מיט נעמען מיט גאָר אנדערע
שטייט אויף אַן אנדער סטעפּ.

1916

די פאַרפאַלענע לבנה

ס'איז אַ וואָלקן צום הימל אַרויף, ווי אַ מויז,
און געגעבן אַ מאַך מיט'ן עק.
האָט לבנה צעשפּאָלטן זיך, ווי אַן איי,
און אַריבער דעם באַרג איז אַוועק.

אינדערפרי האָט די זון אין דער אָזערע'ס טיף
זיך פאַרקוקט, — ס'איז לבנה ניטאָ . . .
האָט די פּיס אירע זי געלאָזט הענגען פון באַרג,
און גערופן, — לבנה ניטאָ.

האָט דערהערט יענעם רוף אַלטער פישער פון טייך,
און אַ שפּאַס האָט פאַרוואָלט זיך אים טון.
אין פרימאָרגיקן וואַסער גענומען מיט הענט
האָט ער כאַפּן דעם אָפּשיין פון זון.

און געכאַפּט, און פֿאַרדרייט האָט אים שטאַרק מיט א שטריק,
און מיט קני אים דעם אויער פֿאַרקלעמט.
און אַרויס, און האָט שטיל צו א גאָלדענעם שטראַל
צוגעבונדען די זוניקע ברעם.

האָט די זון צו דעם הימל די אויגן געווענדט,
און געזאָגט: „אַזוי שווער איז די מי!"
נאָר ס'האָט פּלוצים איר עפּעס דעם אויסבליק פֿאַרשטעלט,
און זי קוקט, — די לבנה איז הי.

ווי א וועווריק אויף צווייג, האָט אין אויגן פֿון זון
זיך צעשפּרונגען א פֿרייד מיטאַמאָל . . .
נאָר — צעריסן דער שטראַל, און פֿון גליטשיקע בערג
זיך פֿאַרקייקלט האָט אָפּשיין אין טאָל.

האָט דערשראָקן זיך זון . . . און דער אַלטער — געלאַכט
און מיט קנאַל, ווי א דונער, געקנוילט.
און פֿאַרנאַכטיקע שיין, ווי א בלויע טויב, אים
האָט מיט פֿליגל געפּאָכעט אין מויל.

1916

פעלד — געשניטן, וועלדער — הוילע,
נעפּל, פייכטקייט — אויפגעגאנגען.
ווי א ראָד אין בערג די בלויע
איז די שטילע זון פארגאַנגען.

וועג צעגראָבן — איינגעדרעמלט.
ס׳האָט געטרוימט זיך אים, אצינדער
גאָר־גאָר ווייניק איז געבליבן
וואַרטן אויפ׳ן גראָען ווינטער.

אך, אין וואַלד אליין אין נעפּל
נעכטן האָב דערזען אינמיטן:
געלער מולד, ווי א לאָשעק,
שפּאַנט זיך איין אין אונדזער שליטן.

1917



אָ, פעלדער, פעלדער, פעלדער
אין אומעטיקן גום.
אויף האַרץ — דער טאָג פון נעכטן,
אין האַרץ — די שיין פון רום.

ווי פייגל, פייפן וויאָרסטן
ביים פערד פון אונטער קלאָ.
און ס'שפּריצט די זון מיט הויפנס
איר רעגן אויף מיר דאָ.

אָ, לאַנד פון פלייץ־געוויטערס
און שטילן פרילינג־גרין.
מיין שול איז דאָ געווען
ביי שטערן און דעם גין.

אין ביבל פון די ווינטן
געלייענט, געטראַכט האָב הי.
געפּיטערט האָט ישעיה
מיט מיר די גאָלדן קי.

1917

וועק מיך אויף מאָרגן־צו אינדערפֿרי,
אָ, מיין ליבע געדולדיקע מוטער!
איך וועל גיין צו דעם באַרג ביי דעם וועג
צו באַגעגענען גאַסט אונדזער גוטן.

איך האָב היינט אינעם וואלד־טיף דערזען
ברייטע שפּורן פֿון רעדער אויף גראָזן.
ס'וויגט זיין גאָלדענע דוהע דער ווינט
אין פֿאַרנעפּלטער סוכּה פֿון לאָזעס.

ער וועט מאָרגן פֿאַרביי־יאָגן פֿרי,
איבער קוסט ס'היטל־מולד פֿאַרבויגן,
און די שקאַפּע וועט איבער'ן פֿליין
רויטן עק איר'ן פֿריילעך פֿאַרנויגן.

וועק מיך אויף מאָרגן־צו אינדערפֿרי,
צינד אין אונדזערער שטוב אָן די ליכטער.
איך וועל ווערן איינגיכן, מ'זאָגט,
אַ באַרימטער רוסישער דיכטער.

כ׳וועל באזינגען סיי דיך, סיי דעם גאסט,
אונדזער האָן, שטוב און אויוון דעם שטילן . . .
און ס׳וועט אויסגיסן זיך אויף מיין ליד
פון די קי דיינע רויטע דאָס מילעך.

1917



איבער ערשט פרישן שניי כ׳שלעפ זיך אום,
אינעם האַרצן — מאַי־גלעקלעך צעבלי.
אויף מיין וועג, ווי א ליכטעלע בלוי,
נאַכט געצונדן א שטערן האָט פרי.

כ׳ווייס ניט, ליכט, צי א פינצטער דאָס איז?
אינעם וואַלד זינגט א האָן, צי דער ווינט?
אָנשטאָט ווינטער, קאָן זיין, אויפ׳ן פעלד
האָבן שוואַנען געזעצט זיך אַצינד.

גרינגער פראָסט מיר צעוואַרימט דאָס בלוט!
ווייסע גלאַטקייט, ווי גוט, אָ, דו ביסט!
ס׳ווילט זיך דריקן אזוי צו דעם לייב
די אנטבלויזטע בערעזענע בריסט.

אָ, דו, פרייד פון פאַרשנייאיקטן פעלד!
אָ, דו, וואַלדיקער, זומפּיקער תהום!
ס׳ווילט זיך שליסן אזוי ביידע הענט
איבער קלובעס פון ווערבענעם בוים.

1917

איך גלויב, איך גלויב, ס'איז גליק פאַראן!
ס'איז נאָך די זון ניט פארלאָשן גאָר.
ווי א רויט געבעט־בוך, דער קאיאָר
א גוטע בשורה קינדיקט אָן.
איך גלויב, איך גלויב, ס'איז גליק פאַראן!

קלינג, קלינג, גינגאָלדן רוס, אין ווינט.
ניטמידער ווינט, זיך טראָג ארומ'עט!
געבענטשט, ווער ס'האָט דיין פאַסטעך־אומעט
מיט שטילער פרייד באַזינגט.
קלינג, קלינג, גינגאָלדן רוס, אין ווינט.

כ'האָב ליב פון שטורעם־ים דעם ברום
און אויף דער כוואליע — שיין פון שטערן.
געבענטשטער פיין פון ווערן,
געבענטשטעס פאָלק פון אומעטום.
כ'האָב ליב פון שטורעם־ים דעם ברום.

1917

עפּן, וועכטער, הינטער וואָלקנס
פֿונעם טאָג די בלויע טיר.
היינט ביינאַכט א ווייסער מלאך
האָט מיין פֿערד אַוועקגעפֿירט.

גאָט דאַרף איבעריקס נישט האָבן,
ס'איז מיין פֿערד — מיין מאַכט און שטיץ.
כ'הער, ווי קלאָגעדיק ער הירזשעט,
ווי די גאָלדצוים ער צעקריצט.

כ'זע, ער צאַפּלט זיך און וואַרפֿט זיך,
די פֿאַרשטייפֿטע שטריק ער ציט.
און פֿון אים, ווי פֿון לבנה,
געלע וואָל אין נעפּל פֿליט.

1917

לידער, לידער, פון וואָס דאָס געשריי?
האָט איר דען גאָרנישט מער וואָס צו געבן?
פעדים פון בלויען רו אויסגעשפרייט
כ'לערן אין מיינע קודלעס צו וועבן.

כ'וויל א שטילער און שטרענגער כ'זאָל זיין!
כ'לערן שוויגן ביי שטערן ביינאַכטן.
גוט ביים וועג, ווי א ווערבע, אין שיין
איינגעדרעמלטע רוסלאַנד באַוואכן.

עס איז גוט אין לבנה'יקן הארבסט
איין־אליין איבער גראָזן זיך טרייבן,
און אין טאָרבע, פאַראָרימטן האַרץ,
אויף די וועגן די זאַנגען צו קלייבן.

נאָר עס היילט נישט דאָס גאָלד פונעם פעלד.
לידער, לידער, אייך דען נישט דערוועקן? . . .
ס'רייניקט אָונטע מיט גאָלד־בעזים העל
מיין גלייכן וועג אָפּ.

און עס פרייט מיך אַזוי איבער וואלד
דאָס געשריי אינעם ווינט מיט אַ כריפּען:
— זיי־זשע, לעבנדיקער, אזוי קאַלט,
ווי דאָס הארבסטיקע גאָלד פון די ליפּעס!

1917

וועג באַזילבערטער, פאַרשנייטער,
ערגעץ־וואו דו רופסט מיך דען?
ווי דאָס דאַנערשטיקע ליכטל
איבער דיר א שטערן ברענט.

פרייד, צי אומעט אין דיין גליען?
צי דיין לויף ווענדסט צום שיגעון?
העלף מיר מיט'ן פרילינג־האַרצן
האַרטן שניי דערליבן שוין.

גיב דעם גין מיר אינעם שליטן,
ווערבע־צווייג — אַ צוים מיין פערד.
אפשר וועל אַליין איך קומען
צו גאָט'ס טויער פון דער ערד.

1917

פרילינג־רעגן אויפגעהערט האָט טאַנצן, ווייגע,
שטורעם — איינגעוויגט.
אומעטיק איז מיר מיט דיר, פערגעי יעסעניך,
אויפהויבן דעם בליק . . .

אומעטיק איז אונטער הימלבוים צו הערן
פליגל'ס ווייטן דראַנג.
ס'וועלן זיידעס' קברים וואך נישט ווערן
פון דיין זינג־געזאַנג.

ס'האָט דאָס וואָרט באַצוואונגען, צוגעבונדן
דיינע צייט און רוים.
ס'וועט אין שווערע בענד, און ניט אין ווינטן,
אָפּקלינגען דיין טרוים.

ס'וועט זיך זעצן וועך, די פּלייצעס בויגן,
הענט געשטרעקט אין רו.
ס'איז דיין רויטער אָוונט וועמען אייגן,
נאָר נישט נויטיק — דו.

ער וועט ברויסאָוו'ן און בלאָק'ן טון א שאָקל,
אנדערע — א שטויס.
נאָר, ווי שטענדיק, וועט אין מזרח נעמען טאָגן,
רגע — טון א ברויז.

לידער וועלן דאָס געשטאַלט פון ערד ניט בייטן,
ניט קיין בלאט אין צווייג.
דיינע רויטע ליפּן — אויף אַלע, אַלע צייטן
צו דעם בוים געשמידט.

ס'האָט אויף אייביק דער פּילאַטוס דיינער
טויבע הענט פארשפּרייט . . .
אלי, אלי, למה שבקתני —
מיין זון פארגייט.

1917

צו י. ל. קאשינא

פריזור פון בלעטער גרינע
און מיידלש־יונגע ברוסט.
אָ, דינינקע בעריאָזקע,
אין סטאוו אריין וואָס קוקסט?

פון וואָס דער ווינט דיר פליסטערט?
וואָס קלינגט דיר אויס דאָס זאַמד?
צי ווילסט אין צעפ — די צווייגן —
לבנהדיקן קאם?

פוןביימערשע געדאנקען
דערצייל דעם סוד מיר אויס.
כ'האָב ליב באקומען אומעט
פון דיין פאר־הארבסט געריש.

און ס׳ענטפערט מיר בעריאָזקע:
— אָ, נייגעריקער פריינד,
אין שטערן־נאַכט א פּאַסטעך
האָט שטאַרק געוויינט דאָ היינט.

געשפּרייט האָט לבנה שאָטנס,
געשיינט האָט גרינס אין בלי.
ער האָט ארומגענומען
מיך פאר די הוילע קני.

און, אונטער קלאנג פון צווייגן,
האָט ער אַ זיפץ געטאָן:
— געזעגנט זיי, מיין ליבע,
ביז פרילינג־ניי קומט אן.

1918

כ'האָב דאָס אייגענע הויז פארלאָזט,
בלויע רוס האָב איך איבערגעלאָזט.

אין דריי שטערן דער ברעזע־וואַלד טריפט
איבער סטאַוו מוטער'ס אומעט טיף.

די לבנה — אַ גאָלדענער פראָש —
אויף שטיל וואסערן האָט זיך צעפלאָשט.

ווי דער עפּלשער צווײַט, גראָע האָר
אויסגעשפּראָצט האָבן אין טאַטנ'ס באָרד.

כ'וועל נישט קומען צוריק גיך אַזוי!
לאנג וועט זינגען און קלינגען זאַווײַ.

עס היט אָפּ אויף דער וואַך בלויע רוס
אַלטער קליאָן אויפ'ן איינציקן פוס.

און איך ווייס, ס'פילן די אין אים פרייד,
וועלכע קושן פון בלעטער דעם שפריי.

ווייל ס'איז ענלעך צו מיר יענער קליאָן,
און מיט זיין אַלטן קאָפּ מיך דערמאַנט.

1918



גאָלד־געבלעטער פֿאַרדרייט זיך אין רינגען
אינעם ראָזלעכן וואַסער פֿון טײַך,
ווי אַ שאַרע פֿון פֿלאַטערלעך גרינגע
אָן אַן אָטעם צום שטערן פֿליט גלײַך.

הײַנט מײַן ליבע צום אָוונט צעוואַקסט זיך,
נאָנט צום האַרץ איז דער טאָל, געל פֿאַרוועט.
יונגלינג־ווינט האָט ביז סאַמע די אַקסלען
אויף בעריאָזקעס פֿאַרהויבן דאָס קלייד.

אינעם טאָל און אין האַרצן — אַ קילקייט.
דעמער בלוי, ווי אַ סטאַדע פֿון שאָף.
הינטער טירל פֿון גאָרטן, אין שטילקייט,
גיט אַ גלעקל אַ קלונג, און הערט אויף.

כ׳האָב נאָך קיינמאָל מיט ציטעריק שטייגן
ניט געהערט אזוי לייב׳ס קלוגע שפּראַך.
גוט צו קאָנען, ווי ווערבע מיט צווייגן,
זיך אין ראָז איבערקערן פון טייך.

גוט אויף סטויג זיך צעשמייכלען דעם קילן,
מיט דער מאָרדע פון מולד קייען היי . . .
אָ, וואו ביסטו, וואו, פרייד מיינע שטילע —
ליבן אַלץ — גאָרנישט וועלן אַליין?

1918

אָ, לאנד פון רעגנס און געוויטער,
אָ, שטילקייט, וועלכע וואנדערט אום.
ס'איז דיין לבנה אינעם הימל
א לאבן ברויט צעבראָכן קרום.

אהינטער פעלד, אויפסניי צעאקערט,
גראָז וויאָלעטע איז צעשוימט.
עס גאָלדיקט זיך אויף צווייג פון וואָלקן
א רייפער שטערן, ווי א פלוים.

און ווידער איבער וויאָרסטן־וועגן,
אין ווידערווילן צו דיין נויט,
איך וואָגל, שפּיר פון הארבסט די תבואה
אַריבער וואַסער קוים צעבלויט.

עס קנוילט זיך, טאַנצט דער זומפּן־דרויעך . . .
נאָר אויך אין פינצטער־פּילץ צעשפּילט
האָט אומבאגרענעצט לעבנ'ס־ווילן
די בערגלעך דיינע אָנגעפילט.

1918

ניט אומזיסט פון ווינט דאָס בלאָזן,
ניט אומזיסט דעם שטורעמ'ס זיין.
ס'האָט געהיים ווער מיינע אויגן
אָנגעזאַפּט מיט שטילער שיין.

כ'האָב פון עמעצ'ס פרילינג־צאַרטקייט
אָפּגעבענקט אין נעפּל־בלוי
פון דער שענסטער, נאָר ניטהיגער,
פון דער ערד אין סוד און טוי.

ס'דריקט מיך ניט דער שטומער מילכוועג,
ס'שרעקט מיך ניט דאָס שטערן־בייז.
אייביקייט האָב ליב באקומען
און די וועלט, ווי פאָטער'ס הויז.

אַלץ אין זיי איז גוט און הייליק,
אַלץ איז ליכטיק וואָס עס שרעקט.
ס'פּלייצט דער רויטער מאָן פון שקיעה
אויף דער אָזערע'ס שפּיגל־דעק.

און אין ים פון ברויט ניטוויליק
רייסט זיך א געשטאַלט פון צונג:
ס'לעקט דער אָפּגעקעלבטער הימל
דאָס רויט קעלבעלע — די זון.

1918

דריי אָרום, דריי אַרום, דריי ארום זיך,
דיינע טעג זיינען זילבער־געשמידט!
כ'האָב פארשטאַנען, די זון אינעם ברונעם
איז אַן עמער פון גאָלד אין דער מיט.

צו א טריקעניש וויט אָפּצושווימען
איז באשערט פון דער ערד מיר אָט־דאָ.
מיין נשמה אַליין וועל איך לייגן
אויף אָט דעם פייערפלאַמיקן דנאָ.

נאָר איך וויים — מיט אַנדערע אויגן
שפירן טויטע דאָס לעבן פאַרלאָזט.
אָ, מיט ערדישע שליסלען צו קומען
צו די טויערס פון גאָלד אונדז דערלאָז.

לאָז מיט אונדזערן האָבערשן ווילן
צו צעקלאַפּן די ריגלען פון וואָר.
אין צעלויף איבער גלייכקייט פון פעלדער
גלייך ארויף אויפ'ן שוועל פון קאיאָר!

1919

אָ, גאָט, אָ, גאָט, אָט־אָ די טיף,
זי איז דיין בויך צעבלויט.
די גאָלדן זון, ווי א פּופּיק, קוקט
אַריין אין קאַספּישן מויל.

מיט שטערן־האָקן פון שטראַלן וועבסט
א פּאָדים, און אונדז פּאנגסט,
אין אַפּל פון דער אָזערע׳ס אויג
מיט נעץ די טעג דערלאנגסט.

אין קליין־נעץ נאָר פון פישער שווימט
קיין פישל ניט אַריין.
און ס׳שלעפּט מיך גיין מיט שטריקנעץ ניט
אין הויז דעם שטילן דיין.

קום באַרוועס אויף דער ערד אראָפּ,
און טייך און כליופּ ברויז אוף.
דעם מזרח זודיקן מיט פּעך
גים אוים אויף אונדזער גוף.

און לוסט און בושה פונעם מענטש
מיט פייערמויל ברען אוים.
און טראָג ארויף מיך, ווי א טויב,
אין דיין בלוויוואלדיק הויז.

1919

לויב, מיין ליד, ווער עס שרייט און זיך מאָרדעוועט,
ווער די בענקשאפט אין אקסל באהאלט;
די לבנהשע פערדישע מאָרדע
פאַר'ן ציימל צו פאַקן פון שטראַל.

טויזנט יאָר זעלבע שטערן געוועלטיקן,
פונעם לייב זעלבער האָניק אַלץ טריפט.
ניט צו בעטן צו דיר, נאָר צו שעלטן זיך,
גאָט, געלערנט האָסט מיך פון דער טיף.

פאַר געגרייזלטע האָר דיינע אַלטע,
פאַר'ן מינץ פון אָשינעם אין גאָלד,
שריי צו דיר איך: „צום טייוול דאָס אַלטע!"
איך, דיין רויבערשער זון, אין רעוואָלט.

און פאר ווארים־פרייגיביקע גאָבן,
וואָס מיט רעגנס אין שמוץ דו גיסט —
אָ, מיט וועלכע, וועלכע בעזימער גראָבע
אָט די זון פון די הימלען טון א שמייך?

1919

חיות, חיות, גענענט זיך צו מיר,
אייער בייז אין די הענט מיין אויסוויינען!
וויפל איז דער לבנה דער שיעור
לעקן וואָלקנס אין הימלשע פליינען?

שוועסטער־צויגן, און איר, ברידער־הינט,
איך, ווי איר, בין פון מענטשן געטריבן.
איך באדארף ניט קיין שיפן פון רינד
און קיין זעגלען פון ראָבן געקליבן.

אויב דער הונגער פון חרובע ווענט
וועט אין האָר מיינע זיך ארייננאָגלען, —
וועל איך אויפעסן העלפט פון מיינע הענט,
און א העלפט וועל אייך געבן צו נאָגן.

כ׳וועל אין ערגעץ מיט מענטשן ניט גיין,
ליבערשט פגרן מיט אייך אינאיינעם,
איידער הויבן פון ערד זאָל א שטיין
אויף א נאָנטן משוגענעם איינעם.

1919

דער כוליגאַן

רעגן רייניקט מיט בעזימער נאַסע
װערבע־צװאה פון איבער'ן לאַן.
שפּיי זיך, װינט, מיט געהױפנטע בלעטער,
כ'בין, װי דו, אויך אַזאַ כוליגאַן.

איך האָב ליב, װען די װעלדער די בלױע,
װי די אָקסן אין שװערגאַנג פון טריט,
מיט געכריפּ פון די בלעטער אין בײכער,
שמוצן שטאַמען אַריבער די קני.

אָט דאָ איז זי מײן טשערעדע געלע!
װער האָט לױבן זי בעסער געװאױסט?
כ'זע, איך זע, װי עס לעקט אָפּ דער דעמער
יעדן שפּור פונעם מענטשלעכן פוס.

רוסלאַנד מײנע, דו, הילצערנע רוסלאַנד!
דײן אָנזאָגער, פּאָעט נאָר איך בין!
מײנע הײהשע לידער און אומעט
האָב געשפּײזט מיט רעזעדן און מינט.

לויכט אויף, חצות, מיט לבנהשן קריגל
שעפּן ברעזע־מילך וואָלסט דו געקענט!
ווי דער צווינטער דערשטיקן וואָלט וועלן
ווען מיט זיינע צלמר־הענט!

ס'בלאָנדזשעט אום איבער בערג מרה־שחורה.
אונדזער סאָד ס'בייז פון גנב פאַרוועבט.
איך אַליין בין א כאם נאָר און רויבער,
און פון בלוט — א פערד־גנב פון סטעפּ.

ווער געזען האָט ביינאַכט ווי ס'טוט זידן
דאָס געזעמל פון ווילדפערלעך שפּעט?
כ'וואָלט ביינאַכט אינעם סטעפּ אינעם בלויען
שטיין באַדאַרפט ערגעץ מיט א קאסטעט.

אך, דער קוסט פון מיין קאָפּ האָט פאַרוועלקט שוין,
ס'האָט פאַרכאַפּט מיך דער לידערשער קלעם.
כ'בין פאַראורטיילט אין צוואַנג פון געפילן
דרייען מילשטיינער פונעם פאָעם.

האָב קיין מורא נאָר ניט, ווינט, דו ווילדער,
רואיק שפּיי מיט די בלעטער אויף לאָן.
מיך פאַרמעקט ניט דער צונאָמען „דיכטער",
כ'בין אין ליד אויך, ווי דו, א כוליגאַן.

1919

אַלץ, וואָס לעבט, מיט באַזונדערן צייכן
ווערט פאַרצייכנט פון פריאיקע יאָר.
אויב איך וואָלט א פּאָעט ניט געוועזן,
וואָלט א שווינדלער און גנב געוואָרן.

א קליינוואוקסיקער און אויסגעדאַרטער,
צווישן יינגלעך דעם העלד שפּיל איך אוים.
אָבער אָפּט מיט א נאָז א צעקיילטער
פלעג איך קומען צו זיך אינעם הויז.

און אנטקעגן דערשראָקענער מאמע'ן
האָב פאַרבלוטיקטע ווערטער געציילט:
— עט, איך האָב אָן א שטיין זיך געשטרויכלט,
ס'וועט צו מאָרגן־צו ווערן פאַרהיילט.

און אַט איצט, ווען עס האָט אָפּגעקילט זיך
יענע טעגלעכע זודיקע זאפט,
האָט צעגאָסן זיך אויף מיינע לידער
אַזא אומרו און טראָציקע קראפט.

גאָלד פון וואָרט אָנגעהויפט אין א הויפן,
און אין יעדערער שורה אָן ברעג
שפּיגלט אָפּ זיך די פריע פארשייטקייט
פונעם לאָבוז און כוואט אין געשלעג.

ווי אמאָל, בין א בראַווער און שטאָלצער,
נאָר מיין שפּאַן מיט א נייקייט שוין שפּריצט . . .
מ'האָט אמאָל מיך געשלאָגן אין מאָרדע,
מיין נשמה פארבלוטיקט איז איצט.

און איך זאָג שוין ניט גאָר צו מיין מאמע'ן,
נאָר צום פּעבל דעם פרעמדן, וואָס לאַכט:
— עט! איך האָב אָן א שטיין זיך געשטרויכלט,
ס'וועט פארהיילן זיך איבערדערנאַכט!

1919

איך וועל זינגען, וועל זינגען, וועל זינגען!
ניט באַליידיקן ציג, נישט קיין האָז.
אויב מע מעג וואָס באַוויינען — צו דרינגען,
אַז אויך שמייכלען מע מעג צו עפּעס וואָס.

אַלע טראָגן מיר עפּל־פרייד ציטיק,
און ס'איז נאָנט אונדז דער רויבערשער פייף.
קלוגער גערטנער, דער הארבסט, וועט פארשניידן
פון מיין קאָפּ געלן בלאַט איבער־רייף.

ס'פירט איין שטעג נאָר אין גאָרטן־באַגינען.
ווינט אָקטאָבערשער וועלדער צעטרעט.
גאָרנישט נעמען, אַלץ וויסן, באַזינען
איז אויף ד ע ר וועלט געקומען פּאָעט.

קושן קי איז געקומען ער, ווידער
רויש פון האָבער דאָס הארץ הערן גלוסט.
טיפער, טיפער, די סערפּן פון לידער!
שיט מיט ווילדפערלעך, זוניקער קוסט!

1920



איבער רחבות פון וועג אינדערפרי
הארבסטיק קיטשעט די סאָווע, און ביטער.
ס'וועלקט דער גילדערנער קוסט פון די האָר,
עס אנטבלויזט זיך מיין קאָפּ אין געוויטער.

פעלדיש־סטעפּישער צורוף: „קו־הו״,
זיי געגריסט, מוטער בלויע אָשינע!
גיך אין שיטערע קודלעס פון זון
וועט לבנה פארשנייט זיך געפינען.

איך וועל ווערן אָן בלעטער גיך קאַלט,
אין די אויערן — קלינג־קלאנג פון שטערן.
ס'וועלן יונגען דאָ זינגען אָן מיר,
און נישט מיך וועלן אלטיטשקע הערן.

ס'וועט פון פעלד קומען נייער פּאָעט,
נייער פייף וועט אין וואַלד זיך צעשאלן.
הארבסטיק בלאָזט און צעשיט זיך דער ווינט,
האַרבסטיק שושקען זיך בלעטער אין פאַלן.

1920

מאריענגאפין

כ׳בין פון דאָרף דער לעצטער פּאָעט,
פראָסטּ אין לידער איז בריק פון ברעטער.
כ׳שטיי ביים סוף פון פארמיטאָג־געבעט
פון די ברעזעס, וואָס דעמפן מיט בלעטער.

פונעם לייביקן וואקס וועט דאָס ליכט
מיט א גילדערנעם פלעמל קוים זשיפּען,
און מיין צוועלפטע שעה וועט גאָר גיך
דער לבנה׳ס האָלץ־זייגער דערכריפּען.

ס׳וועט אן אייזערנער גאַסט באַלד אַרויס
אויפ׳ן שטעג פונעם פעלד דעם צעבלויטן,
און צונויפקלייבן אין שוואַרצן פויסט
האָבער־גרינס פון באגינען דעם רויטן.

אייער לעבן דאָס ליד נישט געהערט,
איר, האנט־פלאַכן, איר, פרעמדע און קאַלטע!
ס'וועלן קלאָגן נאָר זאנגען — די פערד
נאָכ'ן האַר דעם אמאָליקן, אַלטן.

זייער הירזשען וועט זויגן דער ווינט,
אין א מעסע־טאַניץ לאָזן זיך היפּען.
און דער האָלק־זייגער געשווינד, געשווינד
וועט מיין צוועלפטע שעה דערכריפּען!

1921



איך באדויער ניט, איך רוף ניט, וויין ניט.
אַלץ פאַרגייט, ווי רויך פון עפּל־צווייט.
מיט'ן גאָלד פון וועלקן טיף־געאייניקט,
וועל איך יונג זיין שוין מער קיינמאָל ניט.

וועסט שוין איצט זיך מער אזוי ניט היצן,
האַרץ, א ביסל אָנגערירט פון קעלט,
און דאָס לאַנד פון די בערעזע־סיצן
ניט פאַרנאַרן באָרוועס וועט אין פעלד.

וואנדער־גייסט! אַלץ זעלטענער געוואָרן
איז דער פלאַם פון ליפּן אויפגערייצט.
אָ, מיין פרישקייט, וואָס איך האָב פאַרלאָרן,
ווילד פון אויגן און געפיל־פאַרפלייץ!

כ׳בין געוואָרן קאַרג דען אין פארלאנגען,
לעבן, צי א חלום ביסט, נישט מער?
ווי איך וואָלט אין פרילינג־פרי, פולקלאנגיק,
דורכגעיאָגט זיך אויף א ראָזן פערד.

אלע, אלע שטערבלעכע מיר זיינען.
כ׳רינט פון קליאָנען שטיל דער בלעטער־מעש . . .
זיי געבענטשט־זשע מיט׳ן אייביקן דערמאנען,
וואָס פארבליען קומסט און שטאַרבן ווערסט.

1921

עס איז מיר געבליבן איין שפּילעניש:
די פינגער אין מויל — און אַ פייף פון פרייד.
עס האָט זיך אַ שלעכטער שם פאַרשפּרייט,
אַ ציניקער בין איך און סקאַנדאַליסט.

אַך, ס'אַרא פאַרלוסט אַ קאָמישער,
אַזעלכע אַ פולע דאָס לעבן האָט.
איך שעם זיך, וואָס איך האָב געגלויבט אין גאָט,
און ביטער איז מיר, וואָס איך גלויב ניט מער.

אָ, ווייטקייטן ווייטע אין גאָלד אויסגעצירט!
עס ווערט אַלץ צו אַש פונעם לעבנ'ס סם.
אום איך זאָל צעפלאַקערן זיך, ווי אַ פלאַם,
האָב ציניש און סקאַנדאַליעז זיך געפירט.

צו גלעטן און שפּעטן — פּאָעט איז באַשערט,
דער צייכן פון גורל זיך שפּרייט אויף אים אוים.
א זשאַבע א שוואַרצע מיט אַ ווייסער רויז
פאַרקנסן געוואָלט האָב איך אויף דער ערד.

זאָל זיין ניט געראָטן, ניט זיינען געשען
די טרוימען פון ראָזאָווע טעג אויסגעוועבט.
נאָר, אויב ס'זיינען שדים אין האַרצן געווען,
איז, הייסט, אַז מלאכים דאָרט האָבן געלעבט.

אָט, פאַר'ן געמיש פון דער פרייד אָן א רו,
ווען כ'גיי צו אן אנדערן לאנד איצט מיט איר,
איז וויל איך ביי יענע, וועד זיין וועט מיט מיר,
איצט בעטן אַזוי אין דער לעצטער מינוט:

אז פאר'ן ניטגלויבן אין אייביקן גוטס,
און פאר אלע זינד מיינע שווערע און הארבע,
איז זאָל מען מיך לייגן אין העמד פון אַ רוס
אונטער איקאָנעס צו שטאַרבן.

1923



אן אומעט קוקן איז אויף דיר,
אזא מין פּיין, אזאַ מין טריבער!
ס'איז, קענטיק, אין סעפּטעמבער אונדז
בלויז ווערבע־מעש איבערגעבליבן.

דיין פלאטער, ווארימקייט פון לייב
צעטראָגן פרעמדע ליפּן האָבן.
ווי ס'וואָלט א רעגנדל געשפּריצט
פון האַרץ, א ביסל אָפּגעשטאָרבן.

נו, וואָס! איך שרעק זיך ניט פאַר אים.
אן אנדער פרייד האָב איך באַנומען.
געבליבן איז דאָך גאָרניט־נישט,
נאָר געלער, נאַסער וועלק פון אומקום.

אליין דאָך זיך ניט אויפגעהיט
פאר שמייכלען און פאַר לעבן שטילן.
צו ווייניק וועגן דורכגעגאַן,
און גרייזן האָב געמאכט איך פּילע.

אַ קאָמיש לעבן און דיסאָנאנס.
אַזוי געווען און וועט זיין שפּעטער.
ווי א צווינטער איז דער סאָד פארזייט
מיט ברעזעס׳ ביין־צעגריזשעט בלעטער.

מיר וועלן וועלקן אויך אזוי,
ווי געסט פון סאָד ניט רוישן מאָרגן . . .
אויב ניט קיין בלומען ווינטערצייט,
איז דאַרף מען וועגן זיי ניט זאָרגן.

1923

יאָרן, יונגע יאָרן מיט'ן רום פֿאַרשייטן,
כ'האָב אַליין פֿאַרסמט אייך מיט סם און ביטערקייטן.

כ'ווייס ניט, צי מיין סוף איז נאָנט, צי אין ווייט געקריצט איז, —
ס'זיינען אויגן בלוי געווען, און פֿאַרוועלקטע איצטער.

פֿרייד, וואו ביסטו? פֿינצטער, שווער. אומעט מיין און ווייען.
אינעם פֿעלד דען? אינעם שענק? גאָרניט־נישט צו זעען.

כ'שטרעק די הענט אַרויס און, אָט, טאַפּ אין דעם זכרון:
כ'פֿאָר און פֿאָר . . . און פֿערד . . און שניי . . . וואַלד פֿאַרבייגעפֿאָרן.

„העי, צעיאָג זיך, קוטשער, שטאַרק! ביסט דאָך א געזונטער!
ס'שאַדט ניט אויסטרייסלען דאָס האַרץ באַרג־אַרויף־אַרונטער."

און דער קוטשער ענטפערט איינם: „אין אזעלכע שנייען —
זייער שרעקלעך, ס׳זאָלן פערד שוויצן אין זאווייען.״

„ביסט א פּחדן, קוטשער, כ׳זע. ס׳טויג ניט. גיב די לייצעס!״
כ׳נעם די בייטש און, נו, איך שמיים איבער פערד און פּלייצעס.

כ׳שלאָג, און פערד, ווי דער זאוויי, יאָגן, שניי צעשיטן.
פּלוצים, קלאַפּ . . . און כ׳פאַל אַרוים גלייך אין גרוב פון שליטן.

אויפגעשטאַנען, כ׳זע: שוואַרץ־יאַר! — אַנשטאָט טראַיקע וואוילער . . .
אין שפּיטאָל אויף בעטל כ׳ליג באנדאזשירט — א חולה.

און אַנשטאָט די פערד אין לויף איבער וועג צעטרייסלט,
מיט די נאַסע בינטן אין הארטער בעט איך שטוים זיך.

אויפ׳ן זייגער ווייזערס, ווי וואָנסן, אָנגעצויגן,
שלעפּעריקע וואַרטעריגס איבער מיר זיך בויגן.

בויגן זיך און כריפּען: „עך, גאָלדן קאָפּ פאַרשייטער,
האָסט אַליין פארסמט זיך מיט סם און ביטערקייטן.

נאָענט, צי ווייט עס איז דיין סוף קאָנען ניט געדענקען, —
דיינע בלויע אויגן האָסט דורכגענעצט אין שענקען.״

1923

די פרייד גיט זיך איין גראָבע מענטשן,
און צאַרטע — דער טרויער־געמיט.
איך דאַרף גאָרניט שעלטן און בענטשן,
מיך אַרט ניט פאר קיינעם ניט.

אַ ביסל פאר זיך נאָר מיך קימערט,
פאַר הינט אָן א היים — מיך אַרט.
דער וועג, אָט דער גלייכער, אָן שימער,
מיך האָט צו דעם שענקל געבראַכט.

וואָס שעלט איר, טייוואָלים, וואָס ברויזט איר?
פון לאַנד בין איך דען ניט אַ זון?
פארמשכונט האָט יעדער די הויזן
פון אונדז דאָך פאַר בראַנפן א טרונק.

איך קוק אויף די פענצטער א בלאסער.
אין האַרצן — אן אומעט און היץ.
די גאַס, פון דער זון א פיטש־נאַסע,
זיך קייקלט פאר מיר אָט דאָ איצט.

אין גאס שטייט א יינגל סמארקאטער,
(אין טרוקענער לופט — ניט קיין בלאָז.
ס'איז גליקלעך אזוי אָט דאָס יאטל,
קאלופעט ער זיך אין דער נאָז.

קאַלופע, קאלופע, מיין ליבער,
מיט פינגער דעם גאַנצן דאָרט קריך.
מיט קראַפּט נאָר אזעלכער, אַריבער
ניט קריך אין נשמה צו זיך.

און איך בין שוין גרייט. פון מיין ליאמע
די פלעשער צעשטעלטע, שאַץ אָפּ!
איך קלייב די פארשטאָפּערס צוזאַמען —
און האַרץ מיין מיט זיי איך פארשטאָפּ.

1924

מיר גייען איצטער אָפּ צוביסלעך
אין יענעם לאַנד, וואו שטילקייט רוט.
ס׳קאָן זיין, כ׳וועל קלייבן אויך איינגיכן
אין וועג אַריין מיין שטערבלעך גוטס.

בערעזעדיקע מילדע וועלדער!
און דו, די ערד! איר, פלאַכן זאַמד!
פאַר אַט דער זאַמלונג פון אָפּגייער
מיין בענקשאַפט קומט און זיך ניט זאמט.

כ׳האָב צופיל אויף דער וועלט געליבט אַלץ,
וואָס אינעם לייב דאָס האַרץ פארהילט.
פרייד צו אָשינעם די צעצווייגטע,
פארקוקטע אינעם וואסער שטיל.

א סך פון זיך פארפאַסט האָב לידער,
א סך געדאַנקען שטיל געוועבט.
כ'בין גליקלעך, וואָס אויף ערד דער כמורער
געאָטעמט האָב איך און געלעבט.

כ'בין גליקלעך, וואָס געקושט האָב פרויען,
צעטראָטן בלומען אין גראָזן־בעט,
און חיות, ווי אונדזערע קליינע ברידער,
האָב קיינמאָל ניט דעם קאָפּ צעפּלעט.

איך ווייס, דאָרט בליען ניט קיין וועלדער,
און זאנג ניט קלינגט מיט שוואנען־האלדז.
דעריבער פאר דער זאמלונג־גייער
דערפיל איך אַזא ציטער אַלץ.

איך ווייס, ניט זיין אין לאַנד וועט יענעם
קיין פעלד מיט שקיעה־גאָלד באשערט.
זיינען דערפאר מיר מענטשן טייער,
מיט וועמען כ'לעב אויף אָט דער ערד.

1924



כ׳האָב געפּרעגט ביים מינצער היינט א שאלה,
וועלכער מינצט אוים רובל, וואָס איך גיב:
ווי זאָל זאָגן צו דער שיינער לאלע
צארט אויף פּערסיש, אַז איך האָב זי „ליב״?

כ׳האָב געפּרעגט ביים מינצער היינט א שאלה,
גרינגער, שטילער פונעם ווינט און פלום:
ווי זאָל רופן פאר דער שיינער לאלע
ס׳צארטע וואָרט „א קוש״?

און כ׳האָב נאָך געפּרעגט אים היינט א שאלה,
און אין הארץ פארבאָרגן יעדן ריר:
ווי זאָל זאָגן צו דער שיינער לאלע,
ווי זאָל זאָגן, זי געהערט צו „מיר״?

האָט געענטפערט קורץ דער מינצער אלטער:
פאר דער ליבע טויגן נישט קיין רייד,
פון דער ליבע קרעכצט מען נאָר באהאלטן,
און די אויגן, ווי רובינען, ברענען רויט.

ס'האָט דער קוש קיין נאָמען ניט אין לעבן,
קושן זיינען, ווי א רויטע רויז,
ניט קיין טויטע שריפטן, זיי שוועבן
און אויף ליפּ, ווי בלעטלעך, גייען אויס.

ליבע פאָדערט ניט קיין ערבות טראָגן,
ס'קומען פרייד און לייד מיט איר אַראָפּ.
„דו ביסט מיינע" — קאָנען הענט נאָר זאָגן,
וואָס די שוואַרצע טשאַדרע רייסן אָפּ.

1924

צו קאטשאלאוו׳ס הונט

גיב, דזשים, אויף גליק דיין לאַפּע מיר,
כ׳האָב ניט געזען אַזאַ שוין פון לאנגאָנען
און לאָמיר דאָ א ביל טון, איך מיט דיר,
אויף שטילן־שטילן וועטער פאר לבנה.
גיב, דזשים, אויף גליק דיין לאַפּע מיר.

איך בעט דיך, ליבער, לעק מיין האנט ניט שוין.
פארשטיי מיט מיר כאָטש אָט דאָס סאמע פּראָסטע.
דו ווייסט דאָך ניט וואָס לעבן איז אזוינס,
און ווייסט ניט אויף דער וועלט וואָס לעבן קאָסט אונדז.

דיין באלעבאָס איז ליב און איז באוואוסט,
און געסט א סך זיין הויז פון שטענדיק אָן באטרעטן,
און, שמייכלענדיק דיך יעדערער דערוויסט,
און שטילערהייט דיין סאמעט־פעל באגערט א גלעט טון.

ביסט, ווי א הונט, טייוולאָניש שיין,
מיט אַזא מילדן, טריי און אָנגענעמען קוקן.
און, קיינעם ניט געפרעגט קיין יאָ און ניין,
זיך קושן, ווי א שיכור־פריינד, דו נעמסט זיך רוקן.

מיין ליבער דזשים, פון דיינע געסט אין זאל
אזעלכע און אזעטיקע זיך האָבן דאָ פארנומען.
נאָר די, וואָס שטילער, טרויעריקער פון אל',
איז צופעליק אהער דען נישט געקומען?

זי וועט נאָך קומען, איך בין ערב דיר,
און וועסט אָן מיר דיין בליק אויף איר דאן ווענדן,
איז גיב א לעק די האנט איר צארט פאר מיר,
פאר אלץ, וואָס איז מיין שולד און ניט געווען גאָר.

1925

אומגעוויינלעכעם, בלויעם, צארטעם.
שטיל מיין לאנד. איז נאָך שטורעמס, געברויז.
ווי א פעלד אן אומענדלעכם מיין הארץ איז,
עטעמט ריח פון האָניק און רויז.

כ׳בין פארשטילט. פון די יאָרן די פּעולה,
נאָר איך שעלט ניט וואָס איז שוין פארגאַן.
ווי א טראָיקע פון פערד ווילדע, דולע,
וואָלט זיך דורכטראָגן איבער׳ן לאַנד.

אָנגעשטויבט. ערד מיט קלאָען צעדריבלט.
און אַוועק מיט אַ פייף און געקנאל.
איצטער הערט מען אין וואלדישן שטיבל
ווי אפילו א בלאט גיט אַ פאַל.

קלינגט א גלעקל? אַן עכאָ פון ווייטן?
ס'זאַפּט די ברוסט איין די רו אָן א ברעג.
שטיי, נשמה, עס ליגט אָן א זייט שוין
אונדזער לאנגער און שטורמישער וועג.

לאָ'מיר אַליך, וואָס געזען, איצט באקלערן,
וואָס אין לאַנד איז געשען און פארפּולט.
און פארגעסן באליידיגונג שווערע
איבער פרעמדער און אייגענער שולד.

וואָס געווען, ניט געווען — נעם איך אָנ'עט,
נאָר א שאָד, אויפ'ן דרייסיקסטן יאָר —
אין דער יוגנט צו קנאַפּ פלעג איך מאָנען,
און פארגעסן אין שענק־טשאד די וואָר.

יונגער דעמב מיט זשאָלאָדעס באלאָדן,
בויגט זיך אויך, ווי דאָס פעלדגראָז, אראָפּ . . .
עך, דו, יונגשאפט, מיט בלוטן געזאָדן,
עך, דו, גאָלדענער היציקער קאָפּ!

1925

ס׳שלאָפט דאָס סטעפּגראָז, און די ליבע פליינען,
און, ווי בליי, די פרישקייט פון פּאָלון.
קיין שום אנדער היימלאַנד וועט ניט גיבן
אין מיין ברוסט די וואַרימקייט פון זון.

אונדזער אלעמס איז שוין אַזא גורל,
אדרבא, פרעג ביי יעדן מאַן, —
סיי אין פרייד, און סיי אין פּיין און גרימען
לעבט זיך גוט אין רוסנלאַנד.

שיין פון לבנה, לאנגער און געהיימער,
טאָפּאָל־פּליסטער, ווערבענער געוויין.
נאָר ס׳וועט קיינער אין געשריי פון בושעלס
ניט אויפהערן ליבן פּאָטער׳ס פליין.

און אַצינד, ווען אָט אין שיין א נייער
קומט מיין גורל לעבעדיק ארויס,
בין אלצאיינס איך א פּאָעט געבליבן
פונעם גאָלד־און־ברעטערדיקן הויז.

אָנגעשפּאַרט אין נעכט זיך צום צוקאָפּנס,
זע איך, ווי א שטאַרקן פיינד, צעהעלט,
ווי א פרעמדע יוגנט שפּריצט מיט נייקייט
איבער מיינע לאָנקעס און דעם פעלד.

דאָך, דורך אָט דער נייקייט א געיאָגטער,
קאָן אויסזינגען איך מיט טיף־געפיל:
לאָזט מיך אין מיין היימלאַנד דעם געליבטן
ליבן אַלץ, און שטאַרבן רואיק, שטיל.

1925



יעדע ארבעט זאָלסט, הצלחה, בענטשן!
זאָל די נעץ דעם פישער פאנגען פיש,
זאָלן אקער און די שקאַפּע ברענגען
ברויט דעם פויער אין גערעטעניש.

וואסער טרינקט מען פון א קוואַרט און גלעזער,
אויך פון קריגלעך גייט דער דאָרשט אַוועק —
דאָרט, וואו ס'וועט דער תהום פון ראָזע נעפּלען
ניט אויפהערן אָפּגילדן דעם ברעג.

גוט צו ליגן אינעם גראָז דעם גרינעם
און, פארטיפט אין צויבעריקן בלענד,
עמעצ'ס אייפעריקן בליק, פארליבטן,
צו דערמאנען מיד, אויף זיך געווענדט.

קאַראַסטעלן פייפן . . קאַראַסטעלן . . .
ס'זיינען ליכטיקע, דערום, נאָר די,
וואָס אין האַרצן זיינען פראָסט געוואָרן
אונטער לאַסט דער פריילעכער פון מי.

כ'האָב פאַרגעסן נאָר, אַז כ'בין אַ פויער
און דערציייל עס איצטער אויס אליין, —
אַזאַ אויסשפּירער אומזיסטער, בין איך
דען ניט פרעמד צו מיינע וואלד און פליין?

ווי ס'וואָלט ווער און וועמען דאָ באַדויערט,
ווי ס'וואָלט ווער פון היים זיך אָפּגעוואוינט. —
און דערפאַר דער וואַסערהאָן און קיביץ
איבער זומפּ זיך הויבן מיט אַ האַרק־געוויין.

1925

זיין א דיכטער — אָט דאָס הייסט דאָס זעלבע,
אויב דעם לעבנ'ס אמת נישט צעפּערטלען,
צארטע הויט זיך פּאסעווען ביז העל־בלוט,
מיט געפּיל־בלוט פרעמדע הערצער צערטלען.

דיכטער זיין — הייסט רחבות צו באזינגען,
זאָלסט אליין אין רום זיך זען געשטיגן.
ס'טוט דעם סאָלאָוויי נישט ווי דאָס זינגען,
ער האָט שטענדיק אַליך דעם זעלבן ניגון.

קאנארייקע פון דער שטים דער פרעמדער —
אַזא נישטיק, קאָמיש קינדער־שפּילכל.
וועלט דאַרף אייגן וואָרט אין ליד פארנעמען,
ווי דער זשאבע'ס קוואקעניש אפילו.

מאַהאַמעט האָט אין קאָראַן געבּיטערט,
און געטראַנקען ביטערע ניט ראַט ער,
וועט דערום דער דיכטער ניט אויפהערן
וויין צו טרינקען, ווען ער גייט אויף מאַטער.

און ווען ס'גייט דער דיכטער צו דער ליבּער,
און די ליבּע מיט אַ צווייטן טרעפט ער ליגן,
וועט באַשיצט פון וויין ער, אין אַ פיבער
איר אַ מעסער אינעם האַרץ ניט שיקן.

נאָר, אין ברען פון אייפערזיכטיקייט האַרבּער,
וועט ער פייפן אויף אַ קול אַ הויכן:
„נו, איז וואָס, כ'וועל ווי אַ שלעפּער שטאַרבּן,
אויף דער ערד איז דאָס באַקאַנט אונדז אויך'עט!"

1925

דער שוועסטער שורע'ן

וויפל קעץ אויף דער וועלט זיך געפינען,
אך, ווער ווייסט זייער צאָל איז ווי גרויס.
ס'טרוימט דאָס האַרץ פונעם ריח פון ארבעס,
און דער שטערן דער בלויער קלינגט אויס.

האלב אין שלאָף, אויף דער וואָר, צי אין חלום,
נאָר כ'געדענק יענעם טאָג פון לאנג אָן —
אויפ'ן אויוון דאָס קאָטערל מורלעט,
ליגט און גלייכגילטיק קוקט עס מיך אָן.

איך בין דעמלט א קינד נאָך געווען,
נאָר פון באבע'ס געזאנג מיט א שפרונג
אויף אראָפגעלאָזט קנייגלכל א וואָרף טון
פלעגט עס זיך, ווי א טיגערל יונג.

אַלץ אַוועק. כ'האָב פארלאָרן די באבע,
און פון קאָטער אין עטלעכע יאָר
אויפגעגניים האָט מען זיידע'ן א היטל,
און ער האָט עס אויסגעטראָגן ביז גאָר.

1925

ס׳פייפט דער ווינט, דער זילבערנער ווינט,
אין זיידענעם שאָרכן פון שניירויש אין טאָלן.
באַמערקט האָב צום ערשט מאָל אין זיך עס אצינד,
אַז כ׳האָב אָט אַזוי ניט געטראכט נאָך, קיין מאָל ניט.

זאָל פייכטקייט א פולע אויף פענצטער זיך וועבן,
איך בין ניט פארטרויערט, און ס׳טוט מיר ניט באנג גאָר.
ס׳איז ליב מיר געוואָרן סיידווי אָט דאָס לעבן,
אַזוי ליב געוואָרן, ווי אין אָנהויב, שוין לאנג גאָר.

און גיט נאָר א פרוי שטיל א קוק און א שמייכל —
איך בין שוין צערודערט. ס׳ארא מין פלייצעס!
און יאָגט דורך א טראָיקע אויף וועג אויפ׳ן ווייכן —
איך בין שוין אין איר, און איך שמיים מיט די לייצעס.

אָ, גליק מיינס, און אַלע הצלחות אינאיינעם,
דאָס מענטשלעכע גליק איז דער ערד ליב און אייגן.
און ווען ווער כאָטש איינמאָל אויף ערד זיך צעוויינען,
איז, הייסט עס, אַז ס'איז די הצלחה פארפלויגן.

מע דאַרף לעבן גרינגער, מע דאַרף לעבן פּראָסטער
און אָננעמען אַלץ, וואָס אויף וועלט איז פאַראַנען.
אָט און פארוואָס ס'פייפט דער ווינט א צעלאָזטער,
דער זילבערנער ווינט איבער וועלדער און לאנען.

1925

ערד, איר, שליטנס! און פערדלעך, איר, פערדלעך!
ווי א שד האָט אויף ערד זיי געבראַכט.
איבער סטעפּיש־געיעג דעם פאַרשייטן
ביז צו טרערן דאָס גלעקעלע לאַכט.

קיין לבנה, קיין הינטישער בילן
אין דער פּוסט, אין דער ווייט, אָן דער זייט.
האַלט זיך צו, מיין פולמוטיקער לעבן,
ס'האָט מיך נאָך נישט געעלטערט די צייט.

קוטשער, זינג, אָט דער נאַכט אויף צו להכעיס, —
אויב דו ווילסט, העלף איך זינגען דיר צו
פון די מיידלשע שעלמישע אויגן,
פון מיין פרייליכער יוגנט אָן רו.

ער, אַמאָל, כ'פֿלעג פֿאַררוקן דאָס היטל,
און אַ שפּאַן טון אין שטאַנגען דאָס פֿערד,
און אויף הויפֿן פֿון שטרוי זיך צולייגן, —
און דערמאָן זיך וואָס בין איך און ווער.

און פֿון וואַנען די ווירדיקע האַלטונג!
אין דער שטילקייט פֿון נאַכט, אין דער שפּעט,
די באָרעדעוודיקע, די טאַליאַנקע,
האָט נישט איינע דאָרט איבערגערעדט.

אַלץ אַוועק. מיינע האָר ווערן שיטער.
טויט דאָס פֿערד. און דער הויף אונדזער — פּוסט.
ס'האָט פֿאַרלוירן איר שטים די טאַליאַנקע,
און פֿאַרגעסן ווי פֿירט מען א שמועס.

דאָך, די נשמה איז קאַלט ניט געוואָרן.
אַזוי ליב איז דער פֿראָסט מיר און שניי!
און דערפֿאַר לאַכט ביז טרערן דאָס גלעקל
איבער אַלץ, וואָס געווען און פֿאַרגייט.

1925

שיטער וועלדל. סטעפּ און ווייטן.
שיין פון לבנה אומעטום.
ווידער גלעקעלעך פארשייטע
האָבן זיך צעקלאָגט אַרום.

ניט קיין שיינער וועג פון יאָרן,
נאָר אויף אייביק ליב געבענטשט,
איבער וועלכן ס'איז געפאָרן
פיל איעדער רוסישער מענטש.

אך, דו, שליטן! ס'ארא דויער!
פראַקטיקער אַשינע־קלונג.
ס'איז דער פאָטער מיין א פויער,
נו, און איך — א פויער־יונג.

כ'שפּיי זיך אוים אויף דער באַרימטקייט
און אויף דעם, וואָס כ'בין — פּאָעט.
אָט די געגנט אָרימינקע
נישט געזען האָב לאנג שוין, העט.

ווער ס'האָט איינמאָל זיך געפּעדערט
זען כאָטש ס'לאַנד און אָט דעם פּליין,
וועט כמעט בעריאָזקע יעדער
גערן קושן ס'פּיסל קליין.

ווי־זשע זאָל מיין אויג ניט טרערן,
אויב אין פראָסט מיט קלונג און וואָרף
וועט צוגלייך דאָ פריילעך ווערן
יוגנט רוסישע פון דאָרף.

עך, הארמאָשקע, סמ'יק־ברומען,
ס'איז דערפאר אין דעם געוואָי
ניט איין רום־פארשייט פארשוואומען,
קענטיק, ווי דער שטויב און שטרוי.

1925

לבנה איבער פֿענצטער. אונטער פֿענצטער ווינטן.
טאָפּאָל אָן די בלעטער זילבער־העל באַשפּינט איז.

וויט־וויט ווײנט טאַליאַנקע, אײנזאַם קול אין רוימען —
אַזאַ טײער־נאָנטער, און פֿון ווײטע טרוימען.

ס'ווײנט און לאַכט דאָס ליד, דאָס מוטיקע און גלויביקע.
וואו ביסטו דו, מײן ליפּע, ליפּע מײנע אײביקע?

כ'בין אַלײן אין יום־טוב פֿרי אַמאָל אַרויס אויך,
מיט טאַליאַנקע־שפּיל פֿאַר ליבער האָב געגרויסט זיך.

נאָר פֿאַר ליבער איצטער בין איך גאָרנישט־מײן.
און אונטער פֿרעמדן ליד לאַך איך, און איך ווײן.

1925

שפּיל, טאַליאַנקע, הילכיק, דרייסט שפּיל, אויסגעצויגן!
אפשר זיך דערמאָנען יוגנט, וואָס פאַרפלויגן?

רויש דו ניט, אָשינע, שטויבט ניט אָן, איר, וועגן.
זאָל צו דער געליבטער׳ס שוועל מיין ליד אוועקגיין.

זאָל זי עס דערהערן, זאָל א ביסל וויינען.
פרעמדע יוגנט וועט נישט גאָרניט פאַר איר מיינען.

נו, און אויב אַז יאָ — וועט דורכלעבן אָן ליידן.
וואו ביסט דו, מיין גורל? וואו, איר, מיינע פריידן?

גיס זיך, ליד מיינס, העכער, גיס זיך אָן א שיעור.
ס׳וועט אלצאיינס נישט זיין מער, וואָס געווען איז פריער.

פונעם שטאָלט און שטאַרקייט און די שטאָלצע קלאַנגען
איז פאַרבליבן נאָר דאָס ליד פון דער טאַליאַנקע.

1925

עס דרייען אין פעלדער זיך שטאַרקע זאווייען,
עס יאָגט זיך א טראָיקע א פרעמדע אין שנייען.

א יוגנט א פרעמדע אויף טראָיקע צעיאָגט זיך.
און וואו איז מיין גליק דען? מיין פרייד וואו געטאָגט דען?

פארשוואונדן איז אלץ אין די שטאַרקע זאווייען
אויף אָט אַזא טראָיקע א ווילדער אין שנייען.

1925

הערבסט — עס יאָגן שליטנס! הערסטו — שליטנס יאָגן!
גוט איז מיט דער ליבער זיך אין פעלד פארטראָגן.

ווינטעלע א פריילעכס, שעמעוודיקס און וואוילעס.
איבער פליין דעם הוילן גלעקעלע זיך קוילערט.

אך, איר, שליטנס, שליטנס! פערד, דו מיין, קאשטאנער!
ערגעץ־וואו א קליאָן טאנצט שיכור איבער לאנען.

וועלן צו אים פאָרן, פרעגן — וואָס אזוי־אָ?
און אונטער טאליאנקע אין דרייען טאנצן גייען.

1925



העלע, בלויע קאָפּטע. אויגן בלויע־בלוי.
כ׳האָב דער ליבער גאָר קיין אמת ניט פאַרטרויט.

ס׳האָט געפרעגט די ליבע: „זאָווערוכע דרייט?
איינהייצן דעם אויוון, בעט צו מאַכן גרייט?״

האָב איך איר געענטפערט: „היינט פון הויכער מיט
עמעץ ווייסע בלומען איבער ערד צעשיט.

הייץ דו איין דעם אויוון, און די בעט מאַך גרייט,
אין מיין האַרץ אָן דיר א זאָווערוכע דרייט!״

1925

קרום ניט אויס קיין שמייכל, ברעכנדיק די הענט,
איך האָב ליב אַן אַנדערע, אַן אַנדערע דערקענט.

ווייסט דאָך עס אַליין גוט, ביסט דאָך זייער קלוג —
נישט צו דיר געקומען, נישט אויף דיר איך קוק.

כ'בין פאַרבייגעגאַנגען, ס'איז דעם האַרץ אַלצאיינס —
בלויז געוואָלט אַ קוק טאָן אין פענצטער, און ניט מיין.

1925

קליאָן, דו מיין, אָן בלעטער, קליאָן פון פראָסט פאַראייזטער,
שטייסט פאַרוואָס געבויגן אונטער בעזים ווייסן?

האָסטו וואָס דערזען דען? האָסטו וואָס דערהערט דען?
ווי וואָלסט הינטער דאָרף שפּאַצירן זיך געפּעדערט.

ווי אַ וועכטער־שיכור, ווערט אין וועג פאַרלוירן,
ביסט אַריין אין שנייבאַרג, פּוס זיך צוגעפרוירן.

אך, אליין ניטקרעפטיק שטיי איך היינט, מסתּמא,
ניט דערגיין אַהיים פון ברידערלעכער ליאַמע.

דאָרט באַגעגנט ווערבע, סאָסנע דאָרט דערזעען,
זומערליד געזונגען זיי אין די זאַווייען.

זיך אַליין געדאַכט צו זיין אַ קליאָן אויך דרינען,
אָבער, נישט אָן בלעטער, נאָר אין פולן גרינען.

און, פאַרלאָרן בושה, אַזאַ קלאָץ אַ שטומער,
ווי אַ ווייב אַ פרעמדע בעריאָזקע אַרומגענומען.

1925





אינאניא

דעם נביא ירמיהו

א

איך וועל פֿאַר'ן אומקום זיך ניט דערשרעקן,
ניט פֿאַר די שפּיזן, ניט פֿיילן־דרעגן.
דאָס רעדט לויט דער ביבל אזוי
דער נביא יעסענין סערגעי.

מיין צייט אָנגעקומען איז איצטער,
מיך שרעקט ניט פֿון בייטש דאָס געהויל.
דעם קערפּער, דעם קערפּער פֿון קריסטוס
שפּיי אויס איך פֿון מויל.

איך וויל ניט קיין רעטונג אָננעמען מער
דורך זיינע עינויים און קרייץ;
באַנומען אַן אַנדערע האָב איך א לער
פֿון נצח צעשטויסן דורך שטערן־געפּלייץ.

דערזען האָב אַן אַנדערע אָנקום־שעה —
וואו ס'טאַנצט ניט אויפֿ'ן אמת דער טויט.
ווי פֿון דער פֿאַרברודיקטער וואָל — א שאָף,
אָפּשערן פֿון הימל איך וועל די בלוי־הויט.

איך וועל מיינע הענט צו לבנה אויסשפרייטן,
צעבייסן וועל זי, ווי א נוס, מיט די ציין.
איך וויל ניט קיין הימלען אָן אַ לייטער,
איך וויל ניט ס'זאָל פאַלן דער שניי.

איך וויל ניט ס'זאָל קאָנען זיך כמורען
אויף אָזערעס דאָס געזיכט פון באַגין.
א גילדערן וואָרט אין איי־פורעם
האָב היינט אויסגעבריט, ווי אַ הון.

איך בין היינט מיט האַנט דער עלאַסטישער
די גאַנצע וועלט אויסדרייען גרייט.
אַכט פליגלען מיט שטורעם צעבראַסטעטן
פון פלייצעס פון מיינע זיך האָבן צעשפרייט.

ב

געביל פון די גלעקער אויף רוסלאַנד אַ מאַכטיקער,
דאָס וויינען די קרעמעל־ווענט אין דער לופט.
אויף שפיזן פון שטערן ביינאַכטיקע
היינט הויב איך דיך דיבאָם, ערד, אוף! *)

---

*) וואַריאַנט:

געשאַלן אין רוסלאַנד פון גלעקער.
דאָס וויינען פון קרעמעל די ווענט.
אויף שפיזן, ווי פעטער דער גרויסער.
היינט זעץ איך דיך, ערד, אַוועק!

ביז שטאָט אומגעזעענער וועל זיך דערגרייכן,
דעם אויסשפּרייט צעבייסן פון מילכיקן וועג.
די באָרד וועל אויסצופּן ביי גאָט אין די הייכן
מיט ציין מיינע שאַרף אויסגעשטרעקט.

אַ כאַפּ טון וועל אים פאַר דער גריווע דער גראָער,
און זאָגן מיט שטים פון זאַווײַ:
כ'וועל, גאָט, דיך מאַכן אַן אַנדערן גאָר,
ס'זאָל רייסן מיין וואָרט אין פאַרזיי!

כ'פאַרשעלט פון שטאָט־קיטעזש דעם אָטעם
און פון זיינע וועגן די טיפע שיכטן.
איך וויל, אַז אויף גרונטלאָזער שטרעקע, אָנשטאָט דעם,
אַ פּאַלאַץ מיר זאָלן פאַר זיך אויפריכטן.

מיט'ן צונג וועל אויסלעקן אויף די איקאָנעס
פון קדושים, מאַרטירער — די שיין.
איך זאָג אייך די שטאָט צו אינאָניאַ,
וואו גאָטהייט פון לעבן וועט זיין!

וויין און קלאָג, מאָסקאָוויע!
געקומען אַן אַנדער נביא.
כ'וועל אַלע געבעטן אין דיין טשאַסאָסלאָוו
צעשנאָבלען מיט מיין שנאָבל פון וואָרט.

פון האָפענונג וועל איך דיין פאָלק אַוועקפירן
און געבן א גלויבן אים און א מאַכט,
ער זאָל מיט'ן אַקער אין גינען אין פרייע
צעאַקערן מיט דער זון די נאַכט.

דאָס פעלד פון זיין וואָרט זאָל דאָרט גרינען
און תבואה, ווי בינשטאָקן, מערן.
פון אונטער דעם הימלשן דאַך, ווי די בינען,
באַגילדן דאָס פינצטער זאָלן די קערן.

כ'פאַרשעלט דיך, שטאָט־ראַדאָנעזש, פאַרשעלט דיך,
די פיאַטעס און אַלע דיינע שפּורן.
דו האָסט די גאָלד־אוצרות פון פייער דעם העלן
מיט קירקע פון וואַסער צעבורעט.

דיין שאַרע פון וואָלקנס, ווי וועלף, וואָס זיך וואַרפן,
ווי וועלפישע האָרדע א בייזע, צערייצטע,
צעשטאָכן עס האָט מיט ציין־שפּיזן די שאַרפע
די אַלע וואָס רופן, און אַלע דרייסטע.

דיין זון מיט באַנעגלטע לאַפּעס
אין האַרץ, ווי אַ מעסער, האָט זיך דורכגענעגלט.
מיר האָבן געוויינט אויף די טייכן פון בבל
און ס'האָט אונדז גענעצט א בלוטיקער רעגן.

און איצטער, מיט אָקסישער שטים פון א שטורעם
איך שריי, און די הויזן פון קריסטוס טו אויס:
אין באליע פון צווייטער לבנה
וואַשט אייערע הענט און האָר אויס. *)

---

*) וואַריאַנט:

און היינט, ווי פעטער דער גרויסער,
די ערד אונטער דיר איך צעשטער.
און אונטער די קלאַנגען פון שיכור־האַרמאָשקע
וועל צווינגען צו טאַנצן דעם טויט אויף דער ערד.

איך זאָג אייך — איר אַלע וועט ווערן צעמאָלן,
עס וועט אייך דערשטיקן פון גלויבן דער שימל.
ס'איז אַנדערש געוואָרן געשוואָלן,
ווי א קו אומגעזעענע, גאָט אין הימל.

און יענע אומזיסט זיך באַזעצן אין הײלן,
וואָס זיי איז פאַרהאַסט דאָס געברום.
סײַוויי — אין א רוסישער שטוב פון פיר אײלן
וועט אָפּקעלבן ער זיך מיט אַנדערער זון.

סײַוויי, וועט ער צינדן אין לײדן
וואָס ברעגן פון טײַך האָט געשמידט.
די גאָלד־הערנער זײַנע צעלײַטן
עס וועלן די וועלט, וואָס זידט.

ס'וועט דעמלט א נײַער אָלימפּ אראָפּדרינגען
זײַן פּנים צו מאָלן א נײַעם, און יונג.
איך זאָג אייך — די גאַנצע לופט וועל אויסטרינקען
און, ווי א קאָמעטע, אויסציען דעם צונג.

די פיס ביז מצרים־צו וועל איך צעשטרעקן,
צעשטויסן די קלאָען פון אײַערן פײַן . . .
מיט קלאַמערס פון הענט וועל זיך אַרײַנשטעקן
אין פּאַליוסן ביידע פון שנײַאיקן זײַן.

איך וועל דעם עקוואַטאָר מיט קניען צודריקן,
און אונטער געווײַן פונעם ווינט און זאַווײ,
די מוטער־ערד אונדזערע אויף שטיקער,
ווי א גאָלדענעם קוילעטש, צעברעכן אויף צווײ.

און אינעם געשטורעך, פונעם אָפּגרונט פאַרשאָטנט,
די וועלט זאָל די גאַנצע דערהערן דעם בראָך,
דעם האַריקן קאָפּ מיין אין זוים פון די שטערן,
אַדורכשטעקן וועל, ווי די זונשיין, דורך לאָך.

און זונען פיר־אירע, אַרוים פון די וואָלקנס,
ווי פעסער אויף באַרג אויפ׳ן הויכן צעשטעלטע,
די גאָלדענע רייפן וועלן צעוואַרפן,
און, פאַלנדיק, וועלן צעוויגן די וועלטן.

ג

און צו דיר זאָג איך, אַמעריקע,
אָפּגעשפּאָלטענע העלפט פון דער ערד —
דו, פאָרכט זיך, די שיפן, די אייזן־גערערעמדיקע,
אויף אומגלויבן־ימים צו לאָזן אין פאַרקער!

מיט אייזערנעם רעגנבויגן ניט פאַרצי
די פעלדער, און טייכן — מיט גראַניט.
מיט וואַסער פון פרייער לאַדאָגע נאָר
דורכעקבערן וועט דער מענטש די וואָר!

ניט קלאַפּ מיט די הענט אריין די בלויע
אין פוסטקייט דעם הימל־סופיט.
די שיין פון די שטערן צו בויען
מיט קעפּלעך פון צוויעכעס קאָן מען ניט.

פון שטאָלענעם אַרץ מיט דער לאַווע, דער הייסער,
פאַרגיסן מע קאָן ניט דעם פייער־געברויז.
די שפּורן פון נייעם תחית־המתים
איך וועל איבערלאָזן אויף ערדישער שוים.

מיט פיאַטעס פון וואַלקנס וועל הענגען,
די כמאַרעס מיט קלאָען, ווי א הירש, צעשלאָגן;
די זון און לבנה אויף ערדישער אַקס
וועל אָנטאָן, ווי רעדער, אויף א וואָגן.

איך זאָג דיר — דו זיי נישט מתפּלל
צו דיינע פאַרדראָטנטע שטראַלן.
זיי וועלן ניט לויכטן אין אָנקום־שעה
פון דעם, וואָס לויפט איבער די בערג, ווי א שאָף!

עס וועט נאָך ביי דיר זיך געפינען א שיסער
צו שיקן א פייל אין זיין ברוסט צומאָל.
און וואַרימע בלוט וועט אין נעפּל א שפּריץ טון,
ווי פייער און פלאַם פון זיין ווייסער וואָל.

די גאָלד־קלאָען וועלן זיך קייקלען, ווי שטערן,
און שפּאַלטן די נאַכטיקע פינצטערניש שטאָק.
און ס'וועט זיך דער רעגן ווידער פאַרמערן
מיט שפּיזלעך אויף איר'ן שוואַרצן זאָק.

און איך וועל צעדונערן זיך און צעלויפן,
ווי אַ דונער, מיט רעדער פון זון און לבנה;
און וועל זיך צעפלאַשן די האָר, ווי א שרפה,
און זיך מיט'ן פליגל פאַרדעקן דאָס פנים.

די בערג וועל א טרייסל איך טון פאַר די קאַרקן,
און גלייך, ווי די שפּיזן, אויסציען דאָס גראָז.
און אַל' דיינע פּלויטן, און אַלע פּאַרקנס
אין הויפנס פּאַרקערן, ווי שטויב א בלאָז.

איך וועל דיינע פעלדער און וועלדער פאַרברענען,
אויסטריקענען אַלע ימים און טייכן.
און ס'וועט, ווי א הונט אויסגעדייוועטער, מאָגער,
דער גין איבער ערד זיך פאַרקייכן.

ער וועט מיט'ן צונג פונעם שטעכיקן דאָרשטן
די הימלען די בלויע אויסלעקן,
און אויגן די בייזע זיינע, ווי עמער,
אין דורכרים פון ראָוו אַריינשטעקן.

נאָר וואַסער זיי וועלן ניט שעפּן
אין טאָל, וואו דער שטראָם האָט געזאָדן;
מיט טרוקענעם ליים, מיט דעם האַרטן
באַדעקן וועט זאַמד זייער באָדן.

און בייסן מיט ציינקער בייזקייט
אויף האַלדז וועט זיין אייזערנע קייט,
און אויסגיין, און ס'וועלן די ביינער,
ווי קריעס, אויף סטעפּ זיין צעזייט.

און איך וועל צעאַקערן די באַקן די שוואַרצע
פון פעלדער פון דיינע מיט אַקער דעם נייעם;
און ס'וועט א גערעטעניש, ווי א גאָלדענער פויגל,
אַדורכפליען איבער דעם לאַנד דעם פרייען.

אַראָפּוואַרפֿן וועט זי צו זײַנע באַוואָרנער
פֿון זאַנגיקע פֿליגלען א נײַעם קלונג.
און אויסציען, ווי די גאָלדענע שטענגלעך,
וועט שטראַלן איבער די טאָלן די זון.

און אויסוואַקסן וועלן נײַע סאָסנעס
אויף האַנטפּלאַכן פֿון דײַנע פֿעלדער אָן ברעג.
און ס'וועלן, ווי וועוועריקעס געלע, די וויאָסנעס
צעשפּרינגען זיך איבער די צווײַגן פֿון טעג.

עס וועלן די טײַכן די בלויע זיך מינען
און שטיינער און צוימען צעשטערן.
און, אויגן אַראָפּגעלאָזט, וועט דער באַגינען
דאָרט פֿיש אין זיי פֿאַנגען, ווי שטערן.

איך זאָג דיר — א צײַט וועט אַזעלכע אָנקומען,
און ס'וועלן די דונערנע לעפֿצן פֿאַרשטומען;
און דורכשטעכן וועלן דעם נאַקן בלוי
די זאַנגען פֿון דײַנע ברויטן אין טוי.

און איבער דער וועלט, פֿון פֿאַרבאָרגענעם לײַטער,
אויף פֿעלדער און לאָנקעס צעשפּרייטע אין רו,
עס וועט פֿונעם האַרץ פֿון לבנה א רויטער
א האָן זיך אויספּיקן מיט א קוקאַרעקו.

ד

אויף וואָלקנס, ווי איבער די פֿעלדער, איך גיי,
אַראָפּ מיט'ן קאָפּ — איך צי.

איך הער דעם געפּליעסק פון בלוי רעגן־געפּלייץ
און פייף פון פּלאַנעטן אין פלי.

איך שפּיגל זיך אָפּ אין די אָפּגרונטן בלוי
פון אָזערעס ווייטע מיין.
איך זע דיך מיט גאָלדענע היטלעך־בערג,
אינאַניאַ, צעשיינט.

איך זע דיינע פעלדער און כאַטעס,
אויף גאַנעק די מוטער אַלט;
זי פּליסט זיך מיט פינגער מאַטע
צו פאַנגען פון שקיעה אַ שטראַל.

צום פענצטער־צו זי דריקט אים,
און כאַפּט אים אויף הויקער אויף, —
און זון, ווי אַ קאַץ, צעוויגט אים,
און קניילכל שלעפּט אַרויף.

און שטיל, אונטער טייכל'ס געפּליסטער,
דעם ברעגיקן עכאָ אין שוים,
מיט טראָפּנס פון ליכט אומגעזעען
א ליד פון די בערג טריפט אַרוים:

לויב צו גאָט אין הייכן!
פרידן צו דער ערד!
מולד מיט בלוי־האָרן
וואָלקנס האָט צעשטערט.

אויסגעבריט א גאָנער
פון שטערן־איי האָט ווער,
שפּורן אויסצופּיקן
יעזוס'עם אויף דר'ערד.

ס'האָט מיט נייעם גלויבן
ווער, אָן פּיין און קרייץ,
ווי א פייל אין הימל
רעגנבויגן צעפּלייצט.

פריי זיך, לאַנד פון ציון,
און פאַרשפּרייט דיין שיין!
אויסגעוואַקסן נייער
איז נצרת־זיין.

צו דער וועלט אויף שקאַפּע
נייער גואל פאָרט.
מאַכט — איז אונדזער גלויבן,
אין אונדז — אונדזער וואָר.

1918



„איך פיל זיך ווי א באלעבאָס אין דער רו־
סישער פּאָעזיע און, דעריבער, שלעפּ איך אַריין
אין דער פּאָעטישער שפּראַך ווערטער פון אַלע
שאַטירונגען. נישטאָ קיין אומריינע ווערטער,
פאַראַן נאָר אומריינע פאָרשטעלונגען. ניט אויף
מיר איז דער קאָנפוז פון אַ דרייסט דורך מיר
ארויסגעזאָגטן וואָרט, נאָר אויפן לייענער, אָדער
צוהערער".

מאָטאָ צום בוך: „לידער פון אַ
כוליגאַן". פאַרלאַג י. ט. בלאַ־
גאָוו. בערלין. 1923.

רעקוויעם

א. מאריענגאפין

א

עס שאַלט, עס שאַלט פון אומקום דער האָרן!
וואָס־זשע זאָלן מיר טון, טון אַצינד
אויף די לענדן פון וועגן צעפאָרן?

איר, די ליבהאָבער פון די פּאָעטישע פליי,
אפשר ווילט איר א זויג טון ביים אָגער?

שוין גענוג מיט דער מילדקייט פון מאָרדעס צו בליען.
איז יאָ ליב, צי נישט ליב, נעם און נעם.
עס איז גוט, ווען עס רייצט זיך פאַרנאַכטיקע שיין
און אייך שמייסט אין די זאָדעקס די גראָבע אַריין
דעם פאַרבלוטיקטן בעזים פון שקיעה.

ס׳וועט דער האַרבסטיקער פראָסט גיך מיט קאַלטע אויסווייטן
יענעם דאָרף, און אַט־דאָ, אָט די לאָנקעס די גרינע.
ס׳איז נישטאָ וואו פאַר אייך צו אַנטלויפן פון אומקום,
ס׳איז נישטאָ וואוהין פונעם פיינד צו אַנטרינען.
אָט איז ער, אָט איז ער מיט׳ן אייזערנעם בויך
צו די העלדזער פון פעלדער דעם פויסט שטרעקט ארויס.

ס׳פירט די אַלטיטשקע מיל מיט׳ן אויער,
די פאַרמעליקטע נאָז אָנגעשפּיצט.
און דער היימישער שוויגער, דער שטיר,
וואָס זיין מאַרך האָט אויף קעלבער פאַרניצט,
האָט דעם צונג אָן דעם גאַרב־שטעל געווישט,
און אָן אומגליק אין פעלדער דערשפירט.

ב

אַך, הינטער דאָרף צי נישט דערפאַר
האַרמאָשקע ווײנט מיט אַזאַ צער:
טאַ - לאַ - לאַ - לאַ, טי - לי - לי - באַם,
הענגט איבער ווייסער פענצטער־ראַם.

און געלער ווינט פון האַרבסט דערום
האָט ס׳בלויאיקייט דען ניט צעקרומט,
און, ווי די פערד מע שאָבט און קעמט,
פון קליאָנען בלעטער אַראָפּ ער קעמט.

ער גייט, ער גייט, דער שרעקלעכער גאַסט,
מיט פּיאַטע שווער ברעכט וואַלד מיט האַסט.
און ס׳בענקען לידער שטאַרקער, מער,
ווען זשאַבע־פּיפּס אין שטרוי זיך הערט.

אָ, גאנג עלעקטרישער אין הויך,
פון רימענס, קוימענס שטומער קאמף.
דעם בויך פון כאַטעס הילצערנע
א שטאָלענער צעטרייסלט קראַמף!

ג

צי האָט איר געזען,
ווי עס לויפט איבער סטעפּעס,
אין אָזערע־נעפּלען איינגעהילט,
מיט נאָז־לאָך אייזערנער כראָפּענדיק,
אויף טשוהונענע לאַפּעס דער באַן?

און נאָך אים, אויפ׳ן וועג,
איבער דעם הויכן גראָז,
ווי אויף א פּאַראַד פון פאַרשייטן געיעג,
פאַרוואַרפנדיק די דינע פיס צום קאָפּ,
אַ רויט־גריוועדיק לאָשעקל־יאָגט אין גאַלאָפּ?

ליבער, ליבער, נאַרישער טראָפּ,
נו, וואוהין, נו, וואוהין יאָגט ער אין אַ גאַלאָפּ?
צי דען ווייסט ער ניט, אַז די לעבעדיקע פערד
האָט די שטאָל־קאַוואַלעריע באַזיגט אויף דער ערד?

צי דען ווייסט ער ניט, אַז אין די פעלדער אָן שיין
וועט ניט אומקערן יענע צייט זיין געיעג,
ווען עס האָט א פּאָר שיינע רוסינס פון סטעפּ
פּאַר א פערד אָפּגעגעבן דער פּעטשענעג?

ס'האָט אויף מאַרקן דער גורל גאָר אַנדערש צעהעלט
אונדזער ברעג אויפגעוועקטן פונעם געקריץ.
און פּאַר טויזנט פוד פערדישע פליישן און פעל
א לאָקאָמאָטיוו קויפט מען איצט.

ד

שלעכטער גאַסט, דער שוואַרץ־יאָר זאָל דיך נעמען!
ס'וועט אין פרידן מיט דיר אונדזער ליד מער ניט לעבן.
ס'איז א שאָד, וואָס אין קינדהייט האָט זיך ניט געגעבן
צו דערטרינקען דיך, ווי אין ברונים אַן עמער.

גוט איז זיי דאָ צו שטיין און צו קוקן אַלע,
אין די בלעבענע קושן די מיילער צו פאַרבן, —
און בלויז איך זאָל אויסזינגען, ווי א גלח,
„אַלילויאַ" אויף אייגענעם לאַנד'ס אָפּשטאַרבן.

אָט דערפאַר מיט סעפּטעמבערשע בלעטער,
אויף דעם קאַלטן, צעטריקנטן ליימיקן באָדן,
האָט דעם קאָפּ אָן דעם פּלויט זיך צעשמעטערט
און אין יאַגעדע־בלוט האָט דער בוים זיך געבאָדן.

און דערפאַר איז אַריין א טרויער
אין טאַליאַנקישע קלאַנגען די דינע.
און דער פּויער, פאַרשמעקטער מיט שטרויען,
האָט מיט ביטערן שפּירט זיך פאַרכלינעט.

1920

ווידוי פון א כוליגאַן

ניט יעדערער קאָן זינגען לידער,
ניט יעדן איז געגעבן גראַדע,
ווי אַן עפּל, פאַלן צו פרעמדע פּים.

דאָס איז דער סאַמע גרעסטער ווידוי,
אין וועלכן ס'איז דער כוליגאַן זיך מתוודה.

איך גיי אומיסטן א ניטגעקעמטער,
מיין קאָפּ אויף פּלייצעס, ווי א נאַפט-לאָמפּ, שטארצט.
ס'געפעלט מיר אין דער פינצטער צו באַלויכטן
דעם האַרבסט אָן בלעטער פון אייער האַרץ.

ס'געפעלט מיר, ווען די שטיינער־זידלערייען פליען
אין מיר, ווי האָגל פון רעוועדיקן שטורעם־בראָך.
איך טו בלויז שטאַרקער מיט די הענט דאָן דריקן
דעם אומרו־פענכער פון מיינע האָר.

ס'איז גוט אזוי מיר דעמלט זיך דערמאַנען
דעם סטאַוו פאַרוואַקסן און אַלכע'ס הייזעריקן קלאַנג,
אז ס'זיינען טאַטע־מאַמע וואו ביי מיר פאַראַנען,
וואָס שפייען אויף אַלע מיינע לידער און געזאַנג.

פאַר וועמען איך בין טייער, ווי דאָס לייב און פעלדער,
ווי רעגן, וואָס מאַכט ווייך דאָס גרינס אין פרילינג־יונג.
זיי וואָלטן מיט די ווידלעס געקומען אייך דערשטעכן
פאַר יעדערן געשריי, געוואָרפן אין זייער זון.

אָרימע, אָרימע פויערים!
איר זיינט געווים געוואָרן ניט שיין,
האָט מורא אַלץ פאַר גאָט
און בלאָטעס די געדיכטע.

אָ, אויב איר וואָלט פאַרשטאַנען,
אַז אייער זון אין רוסלאַנד
איז איצט דער סאַמע בעסטער דיכטער!

האָט אייער האַרץ דען ווען גערוט,
ווען ער פלעגט באָרוועס אין דער האַרבסט־נעץ שלעפן זיך?
און איצט ער גייט ארום אין א צילינדער־הוט
און אין לאַקירטע שיך.

נאָר ס׳לעבט אין אים קוראַזש — די יוגנט ווילד
פון לאָבוז דאַרפישן פאַרשייט.
איעדו קו פון יאַטקע אויף דער שילד
באַגריסט ער פון דער ווייט.

און, ווען ער טרעפט פורמאַנעס אויף די ראָגן,
דערמאַנט ער זיך דעם ריח פון היים־פעלדער אין קויט,
און ער איז גרייט דעם עק פון יעדן פערד צו טראָגן,
ווי דעם שלעפ פון א כלה׳ס חופה־קלייד.

כ׳האָב ליב מיין היימלאַנד.
כ׳האָב זייער ליב מיין היימלאַנד!
כאָטש אומעט איז אין אים פאַראַן פון ראָסטע ווערבע־ביימלעך.
מיר זיינען אָנגענעם די חזיר־מאָרדעס אויסגעשמירט,
און קלאַנג פון זשאַבע־שטים, אין שטיל פון נאַכט, מיך רירט.

פון קינדערשע זכרונות צערטלעך־קראַנק איך בין.
מיר חלומען זיך נעפלען פון נעכט אפריליקע, און נעץ.
ווי ס׳וואָלט זיך אונדזער קליאָן ביים שייטער פון באַגין
אויף שפיצפינגער צו וואַרימען זיך צוגעזעצט.

אָ, וויפל אייער כ׳האָב אויף אים פון נעסט פון קראָ,
זיך איבער סענקעס דראַפנדיק, געגנבעט דאָ!
צי איז ער אַלץ דער זעלבער מיט׳ן גרינעם שפיץ?
און איז זיין קאָרע, ווי אמאָל, נאָך שטאַרק אויך איצט?

און דו, מיין ליבער,
געטרייער פאָפּליאַטער הונט?

פון אַלטקייט ביסט געוואָרן קוויטשנדיק און בלינד,
און בלאָנדזשעסט איבער הויף, אראָפּגעלאָזט דעם עק,
און וואו די טיר און וואו די שטאַל — ניט מער דערשמעקסט.

אָ, ווי טייער זיינען מיר אַלע יענע שטיפעריייען,
ווען ברויט א קרייעץ כ'האָב געגנבעט ביי דער מאַמען,
און אויף־אמאָל מיט דיר געביסן און עס געקייעט,
און ניט א טראָפּן זיך געמיאוסט מיט דיר צוזאַמען.

כ'בין אַליין דער זעלבער.
אין האַרצן בין איך אַליין דער זעלבער.
ווי בלומען אינעם קאָרן, אויף פּנים בליען אויגן.
די לידער שפּרייטנדיק, ווי ראָגעזשעס פון גאָלד,
צו זאָגן עפּעס צערטלעכס צו אייך וואָלט איך געוואָלט.

א גוטע נאַכט!
איר אַלע זאָלט א גוטע נאַכט דערוויסן!
ס'האָט אָפּגעקלונגען איבער גראָז־גרין
די קאָסע פונעם דעמער־גין.
היינט ווילט זיך זייער מיר
פון פענצטער די לבנה צו באַפּישן.

א בלויע שיין. די שיין איז בלויז אַזוי!
אין אָט דעם בלוי צו שטאַרבן איז אפילו ניט קיין שאָד.
איז וואָס, אַז ווי א ציניקער איך זע אויס גראָד,
וואָס האָט צום הינטן צוגעטשעפּעט א לאַמטערן.

מיין אַלטער, גוטער, אָפּגעפּאַרענער פּעגאַס,
באַדאַרף איך דען דיין וויכן שפּרייז?

מיין קאָפּ צעגיסט זיך, ווי דער אויגוסט,
מיט וויין פון ווירבלענדיקע האָר.

איך בין געקומען, ווי אַ שטרענגער מייסטער,
די מייז באַזינגען און זיי רימען.

כ'וויל זיין דער געלער זעגל
צו יענעם לאַנד, וואוהין מיר שווימען.

1920

די שענקאַרישע מאָסקווע

א. קוסיקאָווין

א

יע, באַשלאָסן איז איצט! אָן צוריקקער
כ׳האָב די היימישע פעלדער פאַרלאָזט.
ס׳וועלן שוין איבער מיר מער ניט קלינגען
די טאָפּאָלן מיט בלעטער צעלאָזט.

ס׳אַלטע הויז האָט אָן מיר זיך פאַרהויקערט,
אַלטער הונט מיינער ליגט לאַנג אין דר׳ערד.
אויף די מאָסקווער צעבויגענע געסלעך
גאָט האָט, קענטיק, מיר שטאַרבן באַשערט.

איך האָב ליב אָט די שטאָט די אַזשורע,
כאָטש פאַרשוואָלן איז זי, אָפּגעשוואַכט.
די פאַרחלומטע גאָלדענע אַזיע
רוט אויף קופּאָלן און יעדן דאַך.

און, ווען ס׳שיינט אין דער נאַכט די לבנה,
ווען זי שיינט . . . ס׳וויסט דער שד ווי־אַזוי!
דורך א געסל אין שענק א באַקאַנטן
מיט׳ן קאָפּ אָנגעבויגן איך גיי.

אין דער שרעקלעכער לאָך — רויש און ליאַרעם,
און ביינאַכט, ביז אויף טאָג שימערירט,
לייען לידער איך פּאַר פּראָסטיטוטקעס,
און איך זויף מיט באַנדיטן דעם שפּירט.

ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ אין מיר אָפטער און אָפטער,
און איך פּלאָנטער אין רייד זיך אַליין:
— א פאַרפאַלענער כ׳בין, ווי איר אַלע,
וועל צוריק שוין ניט קאָנען איצט גיין.

ס׳אַלטע הויז האָט אָן מיר זיך פאַרהוּיקערט,
אַלטער הונט מיינער ליגט לאַנג אין דר׳ערד.
אויף די מאָסקווער צעבייגענע געסלעך
גאָט האָט, קענטיק, מיר שטאַרבן באַשערט.

ב

ווידער טרינקט מען, מ׳שלאָגט זיך, מ׳וויינט דאָ
פון האַרמאָשקע׳ס געל־אומעט צעגוס,
מ׳פאַרשעלט די מיספאַלן אין לעבן,
מ׳דערמאַנט זיך די מאָסקווער רוס.

און אַליין איך, מיט קאָפּ אָנגעבויגן,
איך פֿאַרגיס זיך די אויגן מיט ווייַן,
כ'זאָל ניט קוקן אין טראַגישן פּנים,
אַנדערש טראַכטן אַ רגע כאָטש הייַנט.

ס'האָבן אַלע פֿאַרשפּילט וואָס אויף אייביק.
בלויער מאַי מייַנער! בלוי־יוניקע שטיל!
אפשר טשאַדעט דערפֿאַר מיט פּגירה
אויף אָט דער שוין פֿאַרפֿאַלענער שפּיל.

אַך, ס'איז פֿריילעך אזוי הייַנט די ראָסן,
דאָרפֿיש־היימישער שפּירט — גאַנצער טייך.
האַרמאָניסט מיט א נאָז א צעפּוילטער
זינגט פֿון וואָלגע פֿאַר זיי און טשעקאַ.

עפּעס בייזס — אין משוגענע בליקן,
ווידערשפּעניקס — אין הילכיקע רייד.
ס'טוט זיי לייד פֿאַר די נאַרישע יונגעו,
וואָס אין לעבן זיך האָבן פֿאַרדרייט.

ס'טוט זיי לייד, וואָס אָקטאָבער דער שטרענגער
אָפּגענאַרט האָט זיי אין זייַן זאַווייַ,
און באַהאַלטענער מעסער אין שטיוול
שאַרפֿט שוין וואַגונג אָן נייַע פֿאַר זיי.

וואו־זשע זייַנט איר . . . אַוועק אין די ווייטן?
אונדזער ליכט דען ניט שטראַלט פֿאַר אייַך, פֿליסט?
ס'היילט דעם סיפֿילים שפּילער מיט בראַנפֿן,
וואָס ער האָט אין קירגיז־סטעפּ דערוויסט.

ניין! נישט בײַקומען זײ, ניט צעזייען.
ס'איז אָן זאָרג און צעפּוילט זייער שטאַנד.
אַך, ראַסייע . . . דו, מײַן ראַס . . . סייע . . .
אַזיאַטיש לאַנד!

ג

שפּיל, האַרמאָניקע! אומעט . . . אומעט . . .
האַרמאָניסט פינגער כוואַליעדיק גיסט.
טרינק מיט מיר, צװיג, דו טומאה,
טרינק מיט מיר.

אויסגעליבט האָט מען דיך, צעפּיצלט —
אָן אַ מאָס.
וואָס־זשע קוקסטו אַזוי מיט די בלויע שפּריצלעך?
ווילסטו אין מאָרדע, וואָס?

אין א גאָרטן דיך שטעלן — א גולם,
פאַר די ראָבן א שרעק.
ביז די לעבער האָסט מיך אויסגעפּייניקט
אָן אַ ברעג.

שפּיל, האַרמאָניקע! שפּיל, מײַן צעהיצטע!
טרינק, ביבער, מער!
איך וואָלט בעסער אָט די, מיט די ציצן, —
זי איז נאַרישער.

צווישן פרויען האָב דיך ניט די ערשטע . . .
איר זיינט אָן צאָל.
מיט אַזאַ־אָ, ווי דו, מיט א סטערווע,
בלויז ס'ערשטע מאָל.

וואָס מער פיין, קלאַנגען מערער זיך וועבן.
אָט דאָ, אָט דאָרט.
כ'וועל אַליין זיך ניט נעמען דאָס לעבן.
גיי צום שוואַרץ־יאָר!

צו אייערער הינטישער טשאַטע
איז קאַלט ווערן צייט.
טייערע, איך וויין.
פאַרצייַ . . . פאַרצייַ . . .

ד

זינג־זשע, זינג! אויף גיטאַרע פאַרשאָלטן
אין האַלב־קרייז טאַנצן אום פינגער דיין.
אינעם טשאַד אָט־אָ־דעם זיך פאַרבלינען,
לעצטער מיינער, איינאיינציקער פריינד.

קוק נישט צו זיך צו אירע בראַסלעטן,
און ווי זייד פליסט פון פלייצעס, נישט טראַכט.
כ'האָב געוואָלט אין דער פרוי גליק געפינען,
און דעם אומקום דערווייסט אומגעדאַכט.

נישט געוואוסט, אַז די ליבע איז קלעפּיק,
נישט געוואוסט, אַז די ליבע איז שמאַך.
זי איז צו, און פון אויג מיט איין פינטל
האָט משוגע דעם כוליגאַן געמאַכט.

זינג, מיין פריינד, און הויך אָן אויף מיר ווידער
אונדזער ווילדן אמאָליקן בונד.
זאָל זי קושן, זאָל זי, אַן אַנדערן,
זי, די יונגע, די שיינע שונד.

אַך, ווארט־צו! איך באַליידיק זי נישט דאָך.
אַך, ווארט־צו! איך פארשעלט זי דאָך ניט.
לאָ׳מיך דיר אויף דער סטרונע באַסאָווער
עפּעס שפּילן פון אייגן געמיט.

ס׳פליסט דער רויזן־קופּאָל פון מיין נעכטן.
האַריץ — אַ בייטל פון טרויםגאָלד געשטיקט.
איך האָב איבערגעטאַפּט אַ סך מיידלעך,
און פיל פרויען אין ווינקלען געדריקט.

יע! פאַראַן אַזאַ ביטערער אמת,
ס׳האָט מיין קינדעריש אויג נאָך געגאַפּט:
ס׳לעקן הינט די צויג אין אַ שורה,
וואָס גייט אָפּ מיט דער צויגישער זאַפּט.

איז צו וואָס זאָל צו איר פילן אייפער?
איז צו וואָס זאָל איך קרענקען אַזוי?
אונדזער לעבן — אַ בעט און אַ ליילעך,
אונדזער לעבן — אַ קוש, און אין תהום.

זינג־זשע, זינג! אינעם טראַגישן שוואונג איז
פון די הענט פּאַראַן טראַגישע פּיין.
נאָר, דו ווייסט, שיק צו אַלע שוואַרץ־יאָר זיי . . .
איך וועל קיינמאָל ניט שטאַרבן, מיין פריינד.

1922

סטאַנסן

פ. טשאַגינען

איך ווייס א סך
פון מיין טאַלאַנט.
עס זיינען לידער ניט קיין זייער שווערער עסק.
נאָר מער פון אַלץ
די ליבע צו דעם אייגן לאַנד
האָט מיך גענאָגט, געפּלאָגט, געברענט,
ווייס איך.

אַ לידל טון א ליד
קאָן, אדרבא, ווער עס וויל —
פון מיידלעך, פון לבנה, פון שטערן בלאַנקע . . .
נאָר ס'עקבערט אין מיין האַרץ
אַן אַנדערער געפיל,
מיין שאַרבן דריקן
אַנדערע געדאַנקען.

איך וויל א זינגער
און א בירגער זיין,
אום צו יעדן
זאָל, ווי א שטאָלץ און ביישפּיל ווערן,
און —
זיין אַן אמתער,
און ניט קיין שטיף־זון —
אין די גרויסע שטאַטן פון די ס. ס. ר'ן.

פון מאָסקווע בין אויף לאַנג אַנטלאָפן:
צו הויזן מיט מיליציע
מיר פעלן אוים די שפּיצלעך,
וויסן —
פאַר יעדן מיינעם שענק־סקאַנדאַל
זיי האָבן מיך געזעצט
אין תפיסה.

איך דאַנק
פאַר פריינדשאַפט די בירגער דיזע,
נאָר שלאָפן דאָרטן אויף דער באַנק
איז זייער האַרט,
און מיט א שיכור־קול
צו לייענען עפּעס א ליד
פון אַן אָרימער קאַנאַרייקע
אין א שטייג פאַרשפּאַרט.

איך בין נישט קיין קאַנאַריק אייך!
איך בין — פּאָעט!
און ניט קיין גלייכן דאָרט צו וועלכענע דעמיאַנען.

זאָל זיין, איך שיכור אָן זיך ווען,
אָבער דערפאַר אין מיינע אויגן
פון וויזיעס דאָס וואונדערלעכע זען.

איך זע אלץ
און קלאָר באַנעם מיט מיין פאַרשטאַנד,
אַז די נייע ערא —
איז ניט קיין ראָזשינקעס א פונט אייך,
אַז לענינ'ס נאָמען רוישט,
ווי אַ ווינט, אין לאַנד,
באַוועגנדיק מיט די געדאַנקען,
ווי א מיל מיט פליגלען מונטער.

באַוועגט זיך, טייערע!
ס'איז נוצן צוגעזאָגט אייך פיל.
כ'בין אייערער פלימעניק,
איר אַלע פעטערס מיינע זיינט.
לאָ'מיר, סערגעי,
זיך צוזעצן צו מאַרקס'ן שטיל,
א שמעק טון היינט
די איבערקלוגשאַפט
פון אומעטיקע שורות.

עס לויפן טעג, ווי שטראָמען,
אין נעפלדיקן טייך.
עס שווינדלען שטעט,
ווי אויף פאַפיר די אותיות צום באַהעפטן.
נישט לאַנג געווען אין מאָסקווע,

איצט אין באַקו בין גלייך.
ס'פּאַרטייטשט אונדז טשאַגין די נאַטור
פון אינדוסטריעלע קרעפטן.

— גיב נאָר א קוק, — ער זאָגט, —
צי זיינען דען ניט בעסער פון די קלויסטערס
אָט יענע טורעם־שפּיזן
פון שוואַרצע נאַפט־פאָנטאַנען?
געגנוג פאַר אונדז די מיסטישע טומאַנען.
באַזינג, פּאָעט,
וואָס מאַכטיק איז און ריזיק.

נאַפט אויפ'ן וואַסער —
ווי א פּערסישער צודעק פאַרשפּרייט.
דער אָוונט אין הימל
האָט שטערן א זאַק צעזייט.
נאָר איך בין גרייט צו שווערן
פון ריינעם האַרצן,
אַז די לאַמטערנעם אין באַקו
זיינען שענער פון די שטערן.

כ'בין מיט געדאַנקען פול
וועגן דער אינדוסטריע־מאַכט,
איך הער די שטים
פון קרעפטן מענטשלעכע דערוואַכט.
געגנוג פאַר אונדז
די אַלע ליכט־פּלאַנעטן אין די הייכן —

מיר קאָנען אויף דער ערד
דאָס פּשוטער דערגרייכן.

און, גלעטנדיק איבער'ן נאַקן
זיך אַליין,
איך זאָג:
— געקומען אונדזער צייט אין שפּיל.
לאָ'מיר, סערגעי,
זיך צוזעצן צו מאַרקס'ן שטיל,
צו דערגיין
די איבערקלוגשאפט
פון אומעטיקע שורות.

1924

שניי־שטורעם

שפּינט, טעג, שפּינט, אייער אַלטע שפּינערײ,
א האַרץ א לעבעדיקס איז שווער צו ענדערן.
ניין!
כ'וועל קיינמאָל שוין מיט זיך ניט הויזן —
צו זיך, דעם געליבטן,
בין איך א מענטש א פרעמדער.

כ'וויל לייענען,
און ס'פאַלט אַרויס דאָס בוך פון הענט,
א גענעצן שפּאַרט אָן,
און שלאָף מיך נעמט אַרום . . .
א דויערהאַפטער ווינט
ווײנט הינטער ווענט,
ווי א לוויה וואָלט דערשפּירן נאָנט.

א הוילער קליאָן,
מיט שפּיץ מיט שוואַרצן אויסגעצופּט,
דאָרט פּאָנפּעט פון אמאָל
הייזעריק צום הימל נאָך.
ס'אַראַ קליאָן איז ער?
א פּראָסטער שאַנדן־סלופּ —
אויף אים נאָר הענגען טויג,
צי אָפּגעבן אויף בראָך.

און מיך וואָלט מען באַדאַרפט
דעם ערשטן אויפהענגען,
אַרונטער מיט די הענט
צום רוקן אויסגעקערט —
דערפאַר, וואָס מיט א ליד,
א כריפּעדיקס און דאַרס,
איך האָב מיין אייגן לאַנד
דעם שלאָף געשטערט.

איך האָב נישט ליב
די זינגערייען פונעם האָן,
און, ווען איך הער אים,
זאָג איך:
ווען קראַפּט זאָל מיין געדרייען,
ביי אַלע הענער וואָלט
איך אויסגעריסן די געדערים,
זיי זאָלן אין די נעכט נישט קרייען.

נאָר כ'האָב פאַרגעסן,
אַז, ווי א האָן, אַליין

גערימן האָב איך און געוועקט זיך
פאַר מיין לאַנד'ס אויפגיין,
די אָנזאָגן פון אבות ניט געהיט,
און אויפגערעגט זיך
מיט'ן האַרץ און ליד.

דער שטורעם גרילצט און רייסט,
ווי א קאַבאַן,
וואָס זיין קוילען אָנט.
אַ קאַלטער נעפּל —
קאַלט, ווי אייז.
גיי טרעף,
וואו — ווייט,
וואו — נאָנט . . .

די לבנה אויפגעגעסן,
געווים, עס האָבן הינט —
זי איז שוין לאַנג
פון הימל דאָרט פאַרשוואונדן.
א פאָדים רייסנדיק פון שפּונדל,
די מוטער מיט'ן שפּינראָד
א שמועס פאַרבינדט.

א טויבער קאָטער הערט
צו דעם געשמועס זיך איינ'עט,
דעם ערך־קאָפּ
אראָפּגעלאָזט פון באַנק.
ניט אומזיסט
די שרעקעוודיקע שכנים טענה'ן:

א שוואַרצע סאָווע
דערמאַנט ער לאַנג.

די אויגן שמאָלן זיך,
און, ווי איך פיר צונויף זיי,
דערזע איך אויף א וואָרן אופן
פון לעגענדאַרער צייט:
דער קאָטער מיט דער לאַפּע
מיר ווייזט א פייג,
און ס'איז די מוטער —
ווי פון קיעווער באַרג א מכשפה.

איך ווייס ניט, בין איך קראַנק,
צי ניט קראַנק,
נאָר די געדאַנקען
זיך אין א פלאָנטער מישן.
אין אויערן געקלאַפּ
פון לאָפּעטעס אויף קבר פרישן
מיט א געיאָמער
פון ווייטע גלעקער־קלאַנגען.

איך זע זיך אין א טרונע
ליגן אויסגעצויגן,
אונטער'ן קלאַנג פון גלח'ס
„אַלילויע"'דיקע ווייען.
און זיך, דעם טויטן,
פאַרמאַך איך שטאַרק די אויגן,
און לייג אויף זיי אַרויף
צוויי קופּערנע מטבעות.

פֿון אָט דעם געלט
פֿון מײַנע טויטע אויגן
דעם קבֿרן װאַרימער אַצינד
אויף האַרץ װעט װערן, —
און, מיך באַגראָבנדיק,
װעט ער געשװינד
אַ גלעזל בראַנפֿן איבערקערן.

און ער װעט זאָגן הויך:
— אַזאַ חוש געװעזן!
ער האָט ביים לעבן
געשטורעמט, װי אַ שקװאַל . .
נאָר קוים געקאָנט איבערלעזן
פֿינף זייטן
פֿונעם „קאַפּיטאַל" . . .

1924

פרילינג

דער אָנפֿאַל איז געענדיקט.
דער אומעט — אין אומגענאָד.
איך נעם דאָס לעבן, ווי דעם ערשטן חלום, אָן.
געלייענט נעכטן אין „קאַפּיטאַל”,
אַז פֿאַר פּאָעטן —
אַן אייגענער געזעץ גייט אָן.

ס'איז א זאַווייַ אַצינד,
כאָטש ווי א טייוול שריי,
און ווי א דערטרונקענער זיך קלאַפּ א הוילער, —
מיט אויסגעניכטערטן קאָפּ
איך בין א חבר
צו פֿריילעכע און וואוילע.

אויף פוילע
דאַרף מען ניט קיין מיטלייד האָבן,
און אויך אויף מיר איז קיין רחמנות נישט,
אויב אונטערטעניק האָב זיך געקאָנט באַגראָבן
אין דעם זאַווי און ווירבלעניש.

זינג, בלויער פויגל, זינג!
גוט מאָרגן דיר!
נישט ציטער!
איך וועל דיך ניט באַפאַלן.
און, אויב דו ווילסט,
אויף פלויט זיך זעץ
לויט'ן געזעץ
פון פייגל אַלע.

באַוועג־געזעץ איז אין דער וועלט פאַראַן.
ער איז פאַר לעבנדיקע — מאָס.
אויב ביסט מיט מענטשן פון איין קלאַן —
זיך זעצן, לייגן דאָס רעכט דו האָסט.

א גרוס צו דיר,
מיין בידנער קליאָן!
פאַרגיב, וואָס איך האָב דיך באַליידיקט.
דיין קלייד צעריסן איז אין סטאָן,
נאָר וועסט מיט נייעם זיך באַקליידן.

ס'וועט אָן א קוויטל דער אַפריל
דיר אויסטיילן א גרינע הימל.

און שטיל
וועט גיבן צערטלעך א פֿאַרוועב
דער פרילינג דיך אין פריגעוועב.

און ס'וועט א מיידל צו דיר אַרוים,
מיט ברוגים־וואַסער דיך אָפּגיסן,
זאָלסט קאָנען אין אָקטאָבער־ברויז
באַקעמפן די זאַווייען־ריסן.

און ס'וועט ביינאַכט
אַרויסשווימען די לבנה —
עס האָבן זי די הינט ניט אויפגעגעסן גאָר:
זי האָט ניט אָנגעזען זיך נאָר
איבער די מענטשנ'ס בלוט־געשלעג.

נאָר, אוים געשלעג . . .
און, אָט —
זי וועט מיט געלן ליכט, ווי א ציטרין,
אויףביימער, אויסגעפוצט אין גרין,
א גים טון
קלינגנדיקע שיין.

איז, טרינק זיך אָן, מיין ברוסט,
מיט פרילינג־טענער!
און רעג זיך אויף
מיט נייע לידער!
איך וועל היינט,
ווען שלאָפן גיין וועל ווידער,
זיך ניט צעקריגן מיט די הענער.

אָ, ערד, דו, ערד!
ביסט ניט מעטאַל, —
מעטאַל לאָזט דאָך
קיין קנאָספּן ניט אַרויס.
גענוג צו אָנטרעפן
איין שורה בלויז
און שוין —
פֿאַרשטענדלעך דער „קאַפּיטאַל".

1924

דאָס אָפּגייענדיקע רוסלאַנד

א סך באַנעמען מיר נאָך ניט, די עדות,
דערצויגענע אויף לעניג׳ס זיגן,
און נייע לידער
מיר זינגען מיט׳ן אַלטן ניגון,
ווי ס׳האָבן אונדז געלערנט די באַבעס און די זיידעס.

פריינד! פריינד!
ס׳אַראַ צעשפּאַלטונג אינעם לאַנד,
ס׳אַר אַן אומעט אינעם פריילעכדיקן ברויזן!
ווייזט אויס, דערפאַר מיר ווילט זיך אויך אזוי
נאָכ׳ן קאָמיוג צו לויפן,
פאַרשאַרצנדיק די הויזן.

כ'באַשולדיק ניט אין אומעט
די, וועלכע גייען אָפּ —
נו, ווי קומען
די אַלטע נאָך די יונגעלייט זיך יאָגן?
זיי זיינען, ווי דער קאָרן נישט געגארבט,
וואָס בלייבט אין פעלד און פוילט, און דאַרבט.

און איך, איך אַליין —
נישט יונג, נישט אַלט —
צו וואָס גענאַרן?
איך בין פאַראורטיילט פון דער צייט צו זיין דאָס מיסט.
צי נישט דערפאַר א זיסער דרעמל מיך באַפאַלט
פון שיכורן געקלאַנג פון דער גיטאַרע?

גיטאַרע ליבע,
קלינג, קלינג, קלינג!
שפּיל אויף, ציגיינערין, מיר עפּעס אַזאַ ניגון,
איך זאָל פאַרגעסן די פאַרסמטע טעג,
וואָס האָבן נישט געוואוסט פון רו און פאַרגעניגן.

כ'באַשולדיק די סאָוועטן־מאַכט
און בין דערפאַר פון איר באַליידיקט,
וואָס ניט דערזען איך האָב אין פרעמדער שלאַכט
מיין יוגנט ליכטיקע און פריידיק.

וואָס האָב איך דען געזען?
איך האָב געזען נאָר קאַמף,
און, אָנשטאָט לידער,

געהערט קאנאָנען קראַכן.
צי נישט דערפאַר מיט געלן קאָפּ
בין איך געלאָפן אָן אַן אָטעם
איבער דער וועלט און כרכ'ן?

און איך בין גליקלעך דאָך.
פון שטורעם־בראָך
האָב איך אזעלכע איינדרוקן ארויסגעטראָגן,
וואָס קומען נישט א צווייטן מאָל.
דער שטורעם האָט מיין גורל אויסגעמאָלט
אין בלוי־געוועב פון גאָלד.

כ'בין ניט קיין נייער מענטש!
צו וואָס פאַרהוילן?
אין דער פאַרגאַנגענהייט מיט איין פוס איך שטעק,
און, שטרעבנדיק דערטראָגן דעם רעגימענט פון שטאָל,
איך גליטש זיך אויס אין וועג,
און מיט'ן צווייטן פוס — איך פאַל.

עס זיינען מענטשן אָבער אַנדערע פאַראַנען.
זיי זיינען
פאַרגעסענע, און אומגליקלעך — נאָך מער.
ווי קלייען אין א זיפּ,
זיי דרייען זיך און קערן
אינמיטן פון געשעעניש אומפאַרשטאַנען.

איך קען זיי גוט,
און כ'האָב זיך צוגעקוקט צו אָט־אָ־די:
די אויגן — אומעטיקער, ווי ביי קי.

אינמיטן מענטשלעך־פרידלעכן געווימל
איז זייער בלוט, ווי דער סטאַוו, פאַרשימלט.

ווער וועט וואַרפן
אין אָט־דעם סטאַוו א שטיין?
רירט ניט אָן!
ס'וועט ווערן א געשטאַנק א הוילער.
זיי וועלן אָפּשטאַרבן אין זיך אַליין,
און, ווי דער בלעטערפאַל — צעפוילן.

און מענטשן אַנדערע פאַראַן —
די, וועלכע גלויבן,
וואָס קוקן אין דער צוקונפט ציטעריק אַריין.
דעם פאָרנט קראַצנדיק און דעם הינטן,
פון נייעם לעבן רעדן זיי אצינדער.

איך הער. אינעם זכרון איך קוק זיך איינ'עט,
פון וואָס דער פויערישער באַרוועס טענה'ט.
— ס'איז אונדז צום האַרץ דאָס לעבן מיט דער ראַטן־מאַכט . . .
נאָר איצט א שטיקל סיך . . . און אויך א ביסל צוויבעס,
וואָלט נישט אויסגעמאַכט.

ווי ווייניק עס באַדאַרפן אָט די פויערישע בערד,
וועמענ'ס לעבן ס'ווערט גענערט
דורכאויס פון ברויט און פון קאַרטאָפל.
איז, וואָס־זשע זידל איך אין נעכט מיין מזל,
מיין ביטערן, אומגליקלעכן שלים־מזל?

איך בין מקנא די,
וואָס האָבן זייער לעבן אינעם קאַמף פאַרבראַכט,
ווער ס'האָט פאַרטיידיקט אַן אידעע, גרויסע צילן.
און איך, וואָס כ'האָב מיין יוגנט אומגעבראַכט,
איך האָב קיין דערינערונגען נישט אפילו.

ס'אַראַ סקאַנדאַל!
ס'אַראַ סקאַנדאַל א גרויסער!
איך בין געבליבן אין א שמאָלן דורכגאַנג, דרויסן.
איך האָב דאָך אין מיין לעבן
נישט דאָס, וואָס כ'האָב געקאָנט, געגעבן,
נאָר וואָס געגעבן האָט זיך מיר אין שפּאָס.

גיטאַרע ליבע,
קלינג, קלינג, קלינג!
שפּיל אויף, ציגיינערין, מיר עפּעס אַזאַ ניגון,
איך זאָל פאַרגעסן די פאַרסמטע טעג,
וואָס האָבן נישט געוואוסט פון רו און פאַרגעניגן.

איך וויים — דעם אומעט קאָן מען ניט
אין ווין דערטרינקען,
די נשמה ניט אויסהיילן
מיט ווּיסטעניש און מיט פאַרשטויסונג.
ווייזט אויס, דערפאַר מיר ווילט זיך אויך אַזוי
נאָכ'ן קאָמיוג צו לויפן,
פאַרשאַרצנדיק די הויזן.

1924

דאָס סאָוועטישע רוסלאַנד

פאַרגאַנגען יענער שטורעם. ס'איז ווייניק ווער פאַרבליבן.
צום איבערררוף נישטאָ פיל פריינד פון אונדזער זייט.
כ'האָב זיך צוריק אין לאַנד פאַריתומטן פאַרקליבן,
וואו איך בין נישט געווען אַכט יאָר צייט.

צו וועמען רופן איצט? מיט וועמען טיילן זאָל
פון בלייבן לעבן אָט די אומעטיקע פרייד?
די מיל אפילו דאָ — א האָלץ־פויגל — זי שטייט
מיט פליגל איינציקן און אויגן האַלב־פאַרשמאָלט.

איך הער דאָ מער נישט קיין באַקאַנטן קול,
און ווער ס'האָט מיך געדענקט, דער האָט מיך לאַנג פאַרגעסן.
און דאָרט, וואו ס'איז געווען דעם פאָטער'ס הויז אמאָל,
ליגט איצטער אַש און וועגן־שטויב אין שיכט געפרעסטן.

און ס'לעבן קאָכט.
עס שווינדלען אַרום מיר, ווי אין אַ שפּיל,
אי אַלטע פּנימער, אי יונגע אויגן.
נאָר ס'איז נישטאָ צו וועמען זיך מיט'ן הוט פאַרנויגן,
אין קיינעמ'ס בליק געפין איך ניט קיין שפּור פון מיטגעפיל.

און ס'גייען דורך אין קאָפּ צעשויבערטע געדאַנקען:
וואָס איז פאָטערלאַנד?
צי איז עס דען א חלום בלויז?
כ'בין דאָך כמעט פאַר אַלע דאָ א כמורער פּיליגרים,
פון וועלכן וויטן וועג, גאָט ווייסט.

און דאָס בין איך!
איך, דער בירגער פונעם דאָרף דעם וויטן,
וואָס וועט דערמיט נאָר זיין באַרימט,
ווייל ס'האָט א פּויערטע געבוירן דאָ אמאָל
אַ רוסישן א סקאַנדאַליעזן פּייטן.

נאָר פון געדאַנק די שטים דאָס האַרץ רעדט איין:
„באַדענק זיך! מיט וואָס־זשע ביסט באַליידיקט גאָר?
דאָס ברענט דאָך נאָר א נייע שיין
אין כאַטעס פון אַן אַנדער דור.

„אַ ביסל האָסט אליין געגומען דאָך פאַרבליען,
אַן אַנדער יוגנט זינגט איצט לידער אַנדערע.
זי, מעגלעך, וועט מער צוציען —
שוין ניט דאָס דאָרף, נאָר מוטער איר איז די גאַנצע ערד."

אַך, פֿאָטערלאַנד! ווי כ'בין געוואָרן לעבערלעך.
אויף באַקן איינגעדאַרט א טרוקן רויטקייט לאַנדט.
געוואָרן פרעמד צו מיר פון מיטבירגער די שפּראַך,
און ווי אַן אויסלענדער בין איך אין אייגן לאַנד.

און, אָט, איך זע:
די זונטאָגדיקע פּויערים
זיך קלייבן ביי דער גמינע,
ווי אינעם קלויסטער גאָט צו דינען.
מיט אומגעוואַשענע, מיט שטופּלדיקע רייד
זיי טענה'ן אויס זיך ווי זייער „לעבעדיג" גייט.

ס'איז אָוונט שוין. מיט שיטערן באגילד
די שקיעה האָט באשפּריצט די פעלדער גרויע.
און הוילע פיס האָבן פאַרשטעקט טאַפּאָלן
אין רינשטאָקן, ווי קעלבלעך אונטער טויער.

א לאָמער רויטאַרמייער מיט א פאַרשלאָפן פּנים
דערוועקט אין זיך זכרונות, קראַצנדיק דעם קאָפּ.
דערציילט אויס ווירדיק פון דעם גענעראַל בודיאָני,
און ווי די רויטע האָבן אָפּגעשלאָגן פּערעקאָפּ.

„מיר האָבן אים — אזוי און אָט אזוי ארומ'עט,
אָט דעם בורזשוי . . . דעם יעניקן . . . אין קרים דערלאַנגט" . . .
און קליאָנען רונצלען אויערן פון צווייגן־לאַנג,
און ס'קרעכצן פּויערטעס אין האַלב־טונקל אין שטומען.

ס'גייט באַרג־אַראָפּ דער פּויערשער קאָמיוג אין ריי,
האַרמאָשקע רייסט זיך, אין באַגלייט פון ראַשן שפּאַנען,

מ׳זינגט אַגיטקעס פונעם אָרימען דעמיאַנען,
פאַרהילכנדיק דעם טאָל מיט פריילעכן געשריי.

אָט א מדינה!
אויף וואַסער א שוואַרץ־יאָר
האָב איך זיך דען אין לידער דאָ פאַרכלינעט,
אז איך בין מיט׳ן פאָלק באַפריינדט?
מ׳דאַרף דאָ מיין פּאָעזיע מער נישט האָבן גאָר,
און מיך אַליין אויך ניט, מיר שיינט.

נו, איז וואָס!
מיין ליבע היים, פאַרגיב אצינד.
איך בין דערמיט צופרידן, וואָס איך האָב דיך באַדינט.
זאָל זיין, מ׳זינגט מיך מער ניט היינט, —
כ׳האָב דאַן געזונגען, ווען ס׳איז קראַנק געווען מיין לאַנד.

איך נעם אַלץ אָן.
איך נעם דורכאויס אַלץ אָן.
כ׳בין גרייט צו גיין אין אויסגעשטאַמפּטע טריט.
דאָס גאַנצע האַרץ וועל אָפּגעבן דעם מאַי און דעם אָקטאָבער,
און נאָר מיין ליבע לירע אָפּגעבן וועל איך ניט.

כ׳וועל זי נישט אָפּגעבן אין פרעמדע הענט —
ניט מוטער, ניט דעם פריינד, און ניט מיין פרוי.
איר קלאַנג איז נאָר געווען צו מיר געווענדט,
און צאַרטע לידער האָט זי נאָר צו מיר פאַרטרויט.

איר, יונגע, בליט! און קערפּערלעך טוט בלענדן!
ס׳איז אַנדערש אייער לעבן, און אַנדערש אייער שפּיל.

און איך וועל גיין אַליין צו אומבאַוואוסטע ענדן
מיט מיין בונטאַר־האַרץ אויף אייביק ווערן שטיל.

נאָר אויך אפֿילו דאַן,
ווען ס'וועט אַוועק מיט וואַסערפֿלוס
די פֿעלקער־קריגעריי פֿון אונדזערן פּלאַנעט,
און ס'וועלן שקר, אומעט זיין פֿאַרביי, —
וועל איך באַזינגען
מיט'ן גאַנצן וועזן פֿון פּאָעט
דאָס זעקסטל פֿון דער ערד
מיט'ן קורצן נאָמען: „רוס".

1924

דער אומקער אהיים

איך האָב באַזוכט מיין אַלטע היים,
יענע דאָרפישקייט,
וואו איך האָב ייגגלווייז געלעבט,
וואו, ווי א פייערהויז מיט א בערעזן־אויבערשטיבל,
דער גלאָקן־טורעם אָן א צלם אינעם הימל שוועבט.

אַך, וויפל האָט עס זיך געענדערט דאָרט,
אין זייער אָרימען און פּראָסטן שניט.
וויפל אַנטדעקונגען
עס זיינען נאָכגעגאַן נאָך מיינע טריט.

דעם פאָטער'ס הויז האָב איך
דערקאָנען נישט געקאָנט:
דער וואוילבאַקאַנטער קליאָן
ניט פאָכעט מער שוין אונטער פענצטער,
און אויפ'ן גאַנעק זיצט שוין ניט די מוטער,
די הינדלעך שפּייזנדיק מיט קאַשע־גרייפּלעך.

געוואָרן, קענטיק, אַלט . . .
יע, אַלט.
איך קוק מיט אומעט אויפ'ן קרייז:
ס'אַר אַן אומבאַקאַנטער אָרט פאַר מיר!
אַליין, ווי פריער,
דער באַרג זיך ווייסט,
און ביי דעם באַרג —
א הויכער גרויער שטיין.

אָט דאָ איז דער צווינטער!
צעפוילטע צלמער ביים וועג,
ווי ס'וואָלטן טויטע אין געיעג
געבליבן שטיין פארגליווערט
מיט די הענט צעשטרעקט.

איבער'ן שטעג,
אויף שטעקן אָנגעשפּאַרט,
אַן אַלטער גייט,
און שטויב פון ווילדגראָז שאַרט.

— פאַרבייגייער!
ווייז אָן מיר, פריינד,
וואו וואוינט יעסענינאַ טאַטיאַנאַ?

— טאַטיאַנא . . הם . . .
נאָך יענער כאַטע, אַט־דאָרט־אָ.
און וואָס קומסט דו זיך אָן צו איר?
א פריינט?
צי, אפשר, דער פאַרפאַלענער זון?

— יע, א זון.
נאָר וואָס איז, אַלטיטשקער, מיט דיר?
פאַרוואָס, זאָג מיר,
קוקסט דו אזוי פאַרטרויערט?

— גאָרניט אייניקל.
און גוט, וואָס האָסט דעם זיידן ניט דערקענט! . . .

—אַך, זיידעניו, צי דאָס ביסט דו עס?

און ס'האָט א גאָס געטאָן זיך א טרויעריקער שמועס
מיט טרערן ווארימע אויף שטויב פון בלעטער . . .

— — — — — — — — — — — —

— דיר ועט, אַוודאי, זיין אינגיכן דרייסיק . . .
און איך בין נייַנציק . . .
און קוק אין קבר שוין.
האָסט לאַנג באַדאַרפט צוריק שוין קומען. —
ער רעדט, און קנייטשט דעם שטערן אַלץ.
— יע . . . א צייט . . . .
ביסט ניט קיין קאָמוניסט?

— ניין! —

— און די שוועסטער זיינען קאָמיוגיסטקעס.
אַזאַ מיאוסקייט,
כאַטש דערוואַרג זיך!
זיי האָבן נעכטן די איקאָנעס
ארויסגעוואָרפן פון דער שטוב.
און דעם קלויסטער־צלם
אַראָפּגענומען האָט דער קאָמיסאַר.
נישטאָ שוין איצטער וואו צו בעטן גאָט.
איך גיי פאַרגנבעט צו דעם וואַלד אַצינד
און מאָדליע דאָרט זיך צו אַשינעס . . .
אפשר, וועט עס נוצן . . .
קום אַהיים —
וועסט אַלץ שוין זען אַליין.

און מיר גייען,
טרעטנדיק מיט'ן ראַנד פון ווילדגראָז.
איך שמייכל צו די פּאַשעס און די פעלדער,
און דער זיידע
קוקט מיט טרויער אויפ'ן גלאָקן־טורעם.

— — — — — — — — — — — —

— גאָט העלף, מוטער, גאָט העלף! . . .
און דאָס טיכל צי איך ווידער צו די אויגן שטום.
דאָ קאָן צעוויינען זיך אפילו אויך א קו,
דערזעענדיק די אָרימקייט אַרום.

אויף דער וואַנט — א קאַלענדאַרסקער לעניך.
דאָ איז די שוועסטערס׳ לעבן,
די שוועסטערס׳, און ניט מיינס, —
און, דאָך, בין גרייט איך אויף די קני צו פאַלן,
דיך דערזעענדיק, מיין ליבע היים.

געקומען שכנים . . .
א פרוי מיט קינד.
מיך דערקענט שוין קיינער ניט אַצינד.
מעשה־ביראָן, אונדזער הינטל
באַגעגנט מיך מיט א געביל ביים טויער.

אַך, ליבע היים!
ביסט אַנדערש גאָר געוואָרן,
אַנדערש גאָר.
און איך בין אויך שוין גאָר אַן אַנדערער אַליין.
וואָס אומעטיקער די מוטער און דער זיידע זיינען,
אַלץ פריילעכער דאָס מויל פון שוועסטער לאַכט.

אַוודאי איז אויך לעניך פאַר מיר נישט קיין איקאָנע.
איך קען די וועלט . . .
כ׳האָב מיין פאַמיליע ליב . . .
נאָר עפּעס זעץ איך זיך אַוועק דאָך מיט א בוק פון קאָפּ
אויף דער הילצערנער באַנק.

— נו, שוועסטער, רעד!

און, אָט, צערעדט די שוועסטער זיך
וועגן מאַרקס׳ן, ענגעלס׳ן,

צעפּענעדיק, ווי די ביבל, דעם בייכיקן „קאַפּיטאַל״ . . .
ביי קיין שום וועטער
האָב איך, אַוודאי, אָט די ביכער ניט געלייענט.

און ס׳איז מיר קאָמיש,
ווי דאָס געשייטע מיידל
פּאַקט מיך אין אַלץ ביים קאָלנער . . .
— — — — — — — — — — — —
מעשה־בייראָן, אונדזער הינטל
מיט א געביל באגעגנט מיך ביים טויער.

1924

מײַן װעג

דאָס לעבן גייט אַריין אין ברעגן.
פון דאָרף אַן אַלט־באַוואוינער,
דערמאַן איך זיך
מײַן לאַנד און שטרעבן.
לידער מײַנע,
דערציילט אוים רואיק
פון מײַן לעבן.

א כאַטע פּויערשע.
געדויך פון כאָמוט־דזשעגעכץ.
איקאָנע אַלטע רוט.
א מילדע שײַן פון דער לאַמפּאדע.
ווי גוט,
וואָס איך האָב באַוואָרנט
אַלע יענע שפּירונגען
פון די קינדער־יאָרן.

אונטער די פענצטער
א שייטער פונעם ווירבלשטורעם ווייס.
כ׳בין ניין יאָר אַלט.
א בעט. די באַבע און א קאָטער ליגן . . .
די באַבע האָט געצויגן פויל
עפּעס א טרויעריקן סטעפּן־ניגון,
צומאָל געגענעצט
און געצלמט ס׳מויל.

דער שטורעם האָט געברילט.
אונטער׳ן פענצטערל —
ווי ס׳וואָלטן טויטע אומגעטאַנצט.
ס׳האָט די אימפּעריע דאַן
געפירט מלחמה מיט יאַפּאַן,
און אַלעמען זיך האָבן געחלומט
די ווייטע צלמים.

כ׳האָב דעמלט נישט געוואוסט
די מעשים פינצטערע פון רוס,
נישט געוואוסט, פאַרוואָס
און צוליב וואָס פון קריג דער בראַנד.
ריאַזאַנער פעלדער,
וואו ס׳האָבן פויערים געזייט, געשניטן —
געוועזן איז מיין לאַנד.

כ׳געדענק נאָר: פויערים,
ווי האָבן זיך באַקלאָגט,
געשאָלטן זיך אין טייוול,

אין גאָט און אינעם צאַר.
נאָר זיי אין ענטפער
געטראָגן ווייטן האָבן שכר,
און ס'האָט געשמייכלט אונדזער שיטערער
און געלער, ווי ציטרין, באַגין.

כ'האָב דאַן צוערשט
דעם גראַם אין שלאַכט דערשמעקט.
פון דעם געפילן־שטראָם
דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט.
און כ'האָב געזאָגט:
אויב אָט די קרעץ האָט זיך דערוועקט,
דאָס גאַנצע האַרץ כ'וועל אויסגיסן אין רייד.

ווייט־ווייטע יאָרן,
ווי אין א נעפּל איצט איר זיינט.
כ'געדענק, ווי היינט,
דער זיידע האָט מיט טרויער מיר געזאָגט:
„ס'איז פּוסטע זאַכן, הער . . .
נו, אויב עס ציט —
שרייב וועגן קאָרן, ליין,
נאָר וועגן שקאַפּעס — מער."

אין מוח דאַן,
אין שטרעבונג צו דעם ליד געווענדט,
געשטראָמט עס האָבן טרוימען
אין דער געהיימער שטיל,
אַז איך וועל זיין

באַוואוסט און רייך,
און ס'וועט א מאָנומענט
נאָך מיר שטיין אין ריאַזאַן.

צו פופצן יאָר
האָב ביז די לעבער זיך פארליבט,
און איך האָב זיס געטראַכט,
ווען כ'פלעג נאָר זיין אַליין,
אז חתונה וועל האָבן פאַר אַט דער,
דער בעסטער פון די מיידעלעך,
ווען קומען וועט מיין צייט.

— — — — — — — — — —

די יאָרן לויפן,
די יאָרן בייטן די געזיכטער —
עס לייגט אויף זיי זיך
אַן אַנדער שיין.
פון דאָרף א טרוימער —
אין קרוינשטאָט בין געוואָרן
פון סאַמע ערשטן קלאַס דער דיכטער.

און, ווערנדיק פאַרשלאָפט
אויף שרייבערישן אומעט,
זיך וואַנדערן געלאָזט
פון לאַנד צו לאַנד,
אָן גלויבן אין באַגעגענישן,
אָן בענקשאַפט נאָך צעשיידונג,
די גאַנצע וועלט געהאַלטן
איז א גענאַר פון תמיד.

כ׳האָב דאַן
פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס איז רום.
פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז רום.
און ס׳איז, דעריבער, אין מיין ברוסט
אַריין דער טרויער,
ווי דער גיפט פון אָפּיום.

אויף וואָסער א שוואַרץ־יאָר מיר טויג,
וואָס איך בין א פּאָעט . . .
אויך אויסער מיר געגוג איז שונד פאַראַן.
זאָל זיין — כ׳וועל פּגר׳ן,
אָבער . . .
עט,
ניט שטעלט קיין דענקמאָל אין ריאַזאַן.

רוסלאַנד . . . צאַרנטום . . .
אומעט . . . און פּאַרדראָס . . .
און ביטולדיקער קוק פון אַדל.
נו, איז וואָס!
טאָ נעם איצט, מאָסקווע, צו
דיווילדסטע כוליגאַנעריי,
און טאַדל.

מיר וועלן זען —
ווער אויף וועמען וועט זיך קוואַפּען!
און, אָט,
פון מיינע לידער האָט
א שלאָג געטאָן

אין פּעבל אויסגעכאַליעטן
פונעם סאַלאָן
מיט השתּנה די ריאַזאַנער שקאַפּע.

ס׳געפעלט ניט?
יע, איר זיינט גערעכט —
געוואוינהייט צו לאָריגאַן
און צו רויזן . . .
נאָר אָט דאָס ברויט,
וואָס איר ברעכט
און פרעסט,
מיר טוען עס דאָך דאָס . . .
מיט קויט . . .

נאָך יאָרן אָפּגעלאָפן.
אין יענע יאָרן
אַזעלכעס האָט געטראָפן,
פון וואָס מיט ווערטער
איז אַלץ ניט צו דערציילן:
אָנשטאָט דעם צאַרנטום
מיט מאַיעסטעטישער מאַכט
האָט רעגימענט פון אַרבעטער
באַקומען האפט.

מיר ווערנדיק זיך שלעפּן
איבער דער פרעמדער ערד,
איך האָב אהיים
זיך אומגעקערט.

מיט גרינעם צאָפּ,
אין ווייסן קליידל
עס שטייט ביים סטאַוו
די ברעזע, ווי א מיידל.

און ס׳אַראַ ברעזע!
א וואונדערלעכע . . . און די בריסט . . .
אַזעלכע בריסט
געפינסטו נישט ביי פרויען.
פון פעלדער, מיט דער זון באַשפּריצט,
מענטשן
מיר אַנטקעגן פירן
פורן קאָרן.

זיי וועלן נישט דערקענען מיך,
איך בין א דורכגייער פאַר זיי.
נאָר, אָט, א פויערטע,
נישט קוקנדיק אַרום,
פאַרביי גייט זיך.
איך פיל עפּעס א שטראָם
פון אומבאַשרייבלעך ציטער
איבער דער גאַנצער פלייצע.

זאָל זיין, אַז דאָס איז זי?
האָט נישט דערקענט, זאָל זיין?
נו, זאָל,
זאָל זי גיין . . .
אויך אויסער מיר
איז ביטער איר געגנוג אַליין, —

נישט אומזיסט דאָס מויל
איז אויסגעקרומט פון פּיין.

אין אויפדערנאַכטן,
די קעפּקע טיף אַראָפּגעדוקט,
אום נישט פאַרראַטן
די אויגן־קעלט,
איך גיי אַרום באַקוקן
דאָס אָפּגעשניטן פעלד
און הער זיך צו,
ווי ס'קלינגט דער קוואַל.

נו, איז וואָס?
פאַרגאַנגען איז די יוגנט!
ס'איז צייט צו נעמען זיך
אַן אַרבעט טון מיט רעכט,
עס זאָל דאָס שטיפערישע האַרץ
א זינג טון שווין,
ווי אין די רייפע יאָרן — עכט.

און זאָל פון דאָרף
דאָס אנדערשדיקע לעבן
מיך אָנפילן
מיט נייער קראַפט,
ווי עס האָט פריער
די ליבע רוסישע שקאַפּע
צום רום געבראכט
און דיכטערישן האַפט.

1925

שוואַרצער מענטש

פריינד, מיין פריינד,
איך בין זייער און זייער קראַנק!
און כ'ווייס אַליין ניט,
פון וואַנען אָט די קרענק, די טעמפּע.
צי דאָס פייפט דער ווינט
איבער'ן פּוסטן און וויסטן פעלד אזוי לאַנג,
אָדער דאָס שיט אַראָפּ דער אַלקאָהאָל
די געהירן, ווי אַ וואַלד אין סעפּטעמבער.

מיין קאָפּ באַוועגט מיט די אויערן,
ווי א פויגל מיט פליגלען.
צו שווינדן אויפ'ן האַלדז פונעם פוס
האָט ער מער נישט קיין מאַכט.

שוואַרצער מענטש,
שוואַרצער, שוואַרצער,
שוואַרצער מענטש
איז צו מיר אויף דער בעט אַרויפגעשטיגן,
שוואַרצער מענטש
לאָזט מיך ניט שלאָפן א גאַנצער נאַכט.

שוואַרצער מענטש
פירט מיט'ן פינגער
איבער א מיאוסן בוך א דיקן,
און, פאָנפּענדיק איבער מיר,
ווי א מאָנאַך איבער א מת,
לייענט ער פאַר מיר דאָס לעבן
פון עפּעס א שורקע און א שיכור,
אָניאָגנדיק אויף דער נשמה
אומעט און שרעק, וואָס פרעסט.
שוואַרצער מענטש,
שוואַרצער, שוואַרצער!

— הער זיך איין, הער זיך איין, —
ברומט ער צו מיר נאָכאַנאַנד, —
אין בוך זיינען פאַראַנען
אַ סך פון די פּראַכטיקסטע
געדאַנקען און פּלאַנען.
אָט דער מענטש
האָט געלעבט אין א לאַנד
פון די סאַמע עקלדיקסטע
שלעגער און שאַרלאַטאַנען.

אין דעצעמבער דער שניי
איז אין יענעם לאַנד
ביז צום טייוול אַ ציכטיקער,
און זאַווערוכעס דרייען
פריילעכע שפּינרעדלעך דאָרט.
ס'איז געווען יענער מענטש
אַן אַוואַנטוריסט אַ ריכטיקער,
אָבער פון סאַמע העכסטן
און בעסטן סאָרט.

געווען איז ער עלעגאַנט,
און דערצו אַ פּאָעט,
כאָטש ניט מיט קיין גרויסן,
נאָר גרייפּיקן פייער.
און עפּעס אַ פּרוי
פון איבער פערציק יאָר, העט,
האָט ער גערופן שלעכט מיידל
און זיין טייערע.

גליק, — פלעגט ער זאָגן, —
איז געשיטקייט פון הענט און געדאַנק.
אלע אומגעשיקטע נשמות
זיינען ווי אומגליקלעכע שטענדיק באַוואוסט.
ס'מאַכט ניט,
וואָס אַ סך פּיין — פון זיין קראַנק —
ברענגט צעדרייטע זשעסטן
ליגנעריש און פּוסט.

אין שטורעמס, געוויטערס,
אין לעבנס־קעלט,
אין שווערע פאַרלוסטן,
און ווען אַן אומעט פאַלט אָן,
איז זיך אויסווייזן פראָסט
און שמייכלדיק צו דער וועלט
גאָר דער העכסטער קונסט־פאַסאָן.

שוואַרצער מענטש,
דו וואַגסט ניט אָט דאָס!
לעבסט דאָך ניט אין דינסט
פון א וואַסערטויכער־וואַנדערער.
וואָס גייט מיר אָן דאָס לעבן
פון א סקאַנדאַליעזן פּאָעט?
איך בעט דיך, לייען עס
און דערצייל עס אַנדערע.

שוואַרצער מענטש
קוקט אויף מיר צודרינגלעך,
און מיט בלויער מייקעכץ
די אויגן זיך באַדעקן נעמען, —
ווי ער וואָלט וועלן מיר זאָגן,
אז איך בין א גנב און א שווינדלער,
וואָס האָט פרעך און אומפאַרשעמט
באַגנבעט וועמען.

— — — — — — — — — — —

פריינד, מיין פריינד,
איך בין זייער און זייער קראַנק.

און כ׳ווייס אַליין ניט,
פון וואַנען אָט די קרענק, די טעמפּע.
צי דאָס פּייפט דער ווינט
איבער׳ן פוסטן און וויסטן פעלד אזוי לאַנג,
אָדער דאָס שיט אַראָפּ דער אַלקאָהאָל
די געהירן, ווי א וואַלד אין סעפּטעמבער.

פּראַסטיקע נאַכט.
גאַסן־קרייץ אין שטילער רו.
איך אַליין ביים פענצטער.
כ׳וואַרט נישט אויף קיין פריינד, קיין גאַסט.
די גאַנצע ערד־פלאַך איז באַדעקט
מיט קרוכלען און ווייכן קאַלך,
און די ביימער, ווי ריטער,
זיינען אָנגעפאָרן אין אונדזער גאָרטן מיט האסט.

ערגעץ וויינט
א נאַכטיקער שעדלעכער פויגל.
די הילצערנע ריטער
זייען געקלאַפּעריי פון קלאָ
ווידער, אָט, דער שוואַרצער
האָט זיך איבער מיין לענשטול אָנגעבויגן,
אויפגעהויבן דעם צילינדער
און נאָכלאָזיק צעוואָרפן דעם ראָק זיינעם דאָ.

— הער, נאָר, הער, —
כריפּעט ער, קוקנדיק מיר אין פּנים שטאַר,
און אַליין אַלץ נעענטער
און נעענטער בויגט זיך איינ׳עט. —

כ'האָב נישט געזען, אַז ווער
פון די שורקעס
זאָל אזוי אומנויטיק און, ווי א נאַר,
ליידן פון שלאָפלאָזיקייט, —
טענהט ער און טענהט.

אַך, מילא, א טעות!
ס'איז היינט דאָך די לבנה דאָ.
וואָס־זשע פעלט דען
דעם וועלטל מיט טרוימען באַטרונקען גיריק?
אפשר, מיט די גראָבע לענדן,
וועט קומען באַלד „זי",
און דו וועסט לייענען
דיין געפגרטע פאַרשמאַכטע ליריק?

אַך, איך האָב ליב די פאָעטן!
א קאָמיש פאָלק.
איך געפין ביי זיי שטענדיק
א געשיכטע, וואָס אין האַרצן לעבט —
ווי צו אַ פרישטשעוואַטער קורסיסטקע
אַ לאַנגהאָריקער מום
רעדט וועגן וועלטן,
פון הייסן מעקס דערשעפט.

כ'וויים נישט, כ'געדענק נישט,
אין א דאָרפישער גרוב,
מעגלעך אין קאַלוגע,
און מעגלעך אין ריאַזאַן דערצויגן,
האָט געלעבט אַ יינגל

אין אַ פּראָסטער פּויערשער שטוב,
א געלהאָריקער,
מיט בלויע אויגן . . .

און, אָט, איז ער אויסגעוואַקסן,
און דערצו אַ פּאָעט,
כאָטש ניט מיט קיין גרויסן,
נאָר גרייפּיקן פייער.
און עפּעס א פּרוי
פון איבער פערציק יאָר, העט,
האָט ער גערופן שלעכט מיידל
און זיין טייערע.

— שוואַרצער מענטש,
ביסט א מיאוסער גאַסט!
אָט דער רום וועגן דיר האָט
זיך לאַנג הערן געלאָזט.
איך ווער ווילד און איך צאַרן פון כעס,
און ס'פּליט מיין שטעקן
גלייך אין זיין מאָרדע
און איבער דער נאָז . . .

— — — — — — — — — — —

. . . טויט די לבנה.
אין פענצטער בלויט דער באַגין.
אַך, דו נאַכט!
וואָס האָסטו, נאַכט, אָנגעדריגלט?

איך שטיי אין צילינדער.
קיינער מיט מיר איז ניטאָ.
איך בין אֲליין . . .
און א צעבראָכענער שפּיגל.

1925

אינהאלט



אגיטקעס — פיר־שורהדיקע פערזן פון אן אגיטאציע־כאראקטער.

אלי אלי, למה שבקתני? — „גאָט, גאָט, פארוואָס האָסטו מיך פאר־לאָזט?“ — די לעצטע ווערטער פון יעזוס'ן אויף דער גאלגאטע.

אָקטאָבער — חודש, ווען ס'איז פאָרגעקומען די באָלשעוויסטישע רע־וואָלוציע.

באקו — שטאט אויפ'ן ברעג פון קאספישן ים, צענטר פון דער רוסישער נאפט־אינדוסטריע.

בודיאָני, גענעראל — אנפירער פון דער דרומדיקער רויטער ארמיי בעת'ן בירגער־קריג און רעוואָלוציע אין רוסלאנד.

ביעלי, אנדרעי — באוואוסטער רוסישער פאָעט־סימבאליסט.

בלאָק, אלעקסאנדער — באוואוסטער רוסישער פאָעט־סימבאליסט.

בעדני, דעמיאן — באוואוסטער קאמוניסטישער פאָעט.

בריוסאוו, וואלערי — באוואוסטער רוסישער פאָעט־סימבאָליסט.

גאָלף — טייל פון ים, וואָס שניידט זיך אריין אין קאָנטינענט.

גאָראָדעצקי, סערגעי — רוסישער פאָעט.

גין — גינען — באגין — באגינען.

דאנערשטיקע ליכטל — אין דער וואך פון ערב־פאסכא (רוסישער פסח) גייען פרומע קריסטן דאָנערשטאג ביינאכט צום קלויסטער־דינסט מיט אנ־געצונדענע ליכט.

וויטעגרע — שטאָט אין צפון־רוסלאַנד, אָלאָנעצקער גובערניע, אויפ'ן טייך מיט'ן זעלבן נאָמען.

טשאַסאָסלאָוו — קריסטלעכער געבעט־בוך, וואָס באַשטייט פון תפילות, פּסאַלמען, לידער אאַוו, און וואָס איז אין אַ באַאַרבעטונג אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון גריכנלאַנד קיין רוסלאַנד.

טשאַפּיגין, אַלעקסעי — רוסישער שרייבער, בעלעטריסט, קומט אַרויס פון פּויערים.

טשוד און מאָרדווע — כלל־נעמען פון די פינישע שבטים (פינען, עסטן, קאַרעליער אאַוו), וואָס באַוואוינען צפון־רוסלאַנד; טשוד — אין אָלאָנעצקער און טייל נאָוווגאָראָדער גובערניעס; זייער שפּראַך — אַ געמיש מיט דער רוסישער; מאָרדווע — אין ניזשעגאָראָדער, פּענזער, סאַראַטאָווער, סימבירסקער און טאַמבאָווער גובערניעס; אין אַלטערטום — אַ קריגערישער שבט, וואָס איז געווען אַ געפאַר פאַר די פירשטנטומס אויף די רוסישע גרענעצן.

לאַדאָגע — גרעסטע אָזערע אין צפון־רוסלאַנד אויף דער גרענעץ מיט פינלאַנד.

לאַמפּאַדע — נר־תמיד.

לאָריגאַן — נאָמען פון פּאַרפום.

מינט — מיאַטע, מיענטע.

מיקאָלאַי — פאָלקס־אויסשפּראַך פונעם נאָמען: ניקאָלאַי.

נאַכט פון טבילה — זומערדיקער יומטוב ביי די אוראַלטע סלאַוון לכבוד דער זון און פייער; אַן אָפּקלאַנג פון דעם יומטוב אין דער קריסטלעכער צייט זיינען די שפּילן, שפּרינגען איבער ברענענדיקע שייטערס, קאַרעהאָדן אאַוו, וואָס ווערן דורכגעפירט אין דער נאַכט פון טבילה (נאַכט פון איוואַן קופּאַלאַ — יוחנן המטביל, אָדער יאָהאַן דער טויפער, ווי ער הייסט שפּעטער ביי די קריסטלעכע רוסן), און וועלכע פאַלט אויס דעם 23 יוני, א. ס.

פּאַסכאַ — רוסישער פּסח, אויך נאָמען פון קעז־קוכן, וואָס ווערט געהייליקט אין דער פּאַסכאַ־נאַכט.

פסאלטיר — רוסישער תהילים, געדרוקט אין דער קלויסטעריש־סלאווי־שער שפּראַך.

פּעטשענעגן — אַ וואַנדער־פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין די רוסישע סטעפּעס צווישן די טייכן וואָלגע און יאַאיק. שפּעטער זיך פאַרשפּרייט צום טייך דניעפּר און ביז'ן דונאַי־טייך. ביז'ן 11טן יאָרה. געפירט שטענדיקע מלחמות מיט די רוסן. אין 13טן יאָרה. פאַרטיליקט געוואָרן דורך די ביזאַנ־טישע חיילות און, טיילווייז, אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך די טאַטערן.

פּערעקאָפּ — שטאָט אין צפונדיקן טייל פון קרים, דרום־רוסלאַנד.

פּאַרמיטאַג־געבעט — רוסישע קריסטלעכע ליטורגיע, וואָס ווערט אָפּ־געהאַלטן פאַר'ן מיטאַג־עסן.

קאַלוגע — גובערניע־שטאָט אויפ'ן טייך אָקאַ.

קאָלצאָוו, אַלעקסעי — באַרימטער רוסישער פאָלקס־פּאָעט, האָט גע־שריבן פון פויערישן שטייגער־לעבן און דער נאַטור, וואָס רינגלט אַרום דעם פּויער. זיינע לידער שטעלן מיט זיך פאָר, לויט זייער קראַפט, פאָלקסטימ־לעכקייט און קינסטלערישקייט, אַן אויסשליסלעכע דערשיינונג אין דער רו־סישער ליטעראַטור.

קאָמיוג — קאָמוניסטישע יוגנט.

קאַסטעט — אַ טעמפּ געווער, וואָס מ'טוט אָן אויף די פינגער; באַ־שטייט פון באַהעפטע מעטאַלענע רינגען.

קאַספּישער מויל — פון קאַספּישער ים אין דרום־רוסלאַנד.

קיטעזש — לעגענדאַרע שטאָט, וואָס ווערט געשילדערט אינעם רוסישן פאָלקלאָר — אין די אַלטע פאָלקסלידער און עפּישע „בילינעס" וועגן די רוסישע גיבורים. די שטאָט האָט געזאָלט אַמאָל זיין אין ניזשעגאָראָדער גו־בערניע. דאָרטן באַווייזט מען נאָך איצט וואו זי איז געשטאַנען. לויט דער לעגענדע, איז קיטעזש, בעת די טאַטערן האָבן פאַרכאַפּט רוסלאַנד, פאַר־זונקען געוואָרן מיט אַלע איינוואוינער, קלויסטערס און הייזער טיף אונטער דער ערד. אויף דעם אָרט, וואו די שטאָט איז אַמאָל געווען, געפינט זיך אַן אָזערע. יחידי־סגולה — גרויסע צדיקים האָבן די זכיה צו הערן דאָרט פון צייט צו צייט דעם קלאַנג פון גלעקער אין די פאַרזונקענע קלויסטערס. ס'וועט קומען אַ צייט, זאָגט די לעגענדע, און די שטאָט קיטעזש וועט אַרויס

פון אונטער דער ערד צו א נייעם לעבן. דער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר רימסקי־קאָרסאַקאָוו האָט אנגעשריבן מוזיק צו אָט דער לעגענדע.

קירגיזן — וואנדער־פאָלק פון מאנגאלישן שבט, וואָס באפעלקערט די סטעפּעס פון רוסלאנד און מיטל־אזיע. די סטעפּעס פארנעמען דעם שטח פון די נידעריקע טיילן פונעם וואלגע־טייך אין אסטראכאנער גובערניע ביז דער כינעזישער גרענעץ אין דער סעמיפּאלאטינסקער געגנט און פונעם טייך אירטיש ביז די נידעריקע טיילן פונעם טייך אמו־דאריע.

קירקע — קליינע לאָפּעטע.

קליויאָוו, ניקאָלאַי — רוסישער פּויערישער פּאָעט, מיטצייטלער פון סערגעי יעסענין.

קרים — האלב־אינדזל אין דרום־רוסלאנד.

קרעמל — אינעווייניקסטע פעסטונגען אין אלטע רוסישע שטעט. דאָ — דער מאָסקווער קרעמל.

ראַדאָנעזש — מדבר־שטאט, וואו א הייליקער מיט'ן נאָמען סערגעי האָט געגרינדעט א מאָנאסטיר. מ'האָט אים דערפאר א נאָמען געגעבן סערגעי דער ראַדאָנעזשער.

ראָוו — טיפע ערד־שטרעקע, אראָפּגעוואַשן פון רעגן; ציט זיך אָפט אויף גרויסע שטחים.

ראָסן — אלטער נאָמען פון רוסן. געבליבן אין די נעמען פון: גרויס־רוסן, קליינרוסן (אוקראינער) — ווייסרוסן, מאָלאָראָסן.

ריאזאן — גובערניע־שטאָט. יעסענין איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף קאָנסטאנטינאָוואָ, ריאזאנער גובערניע.

רייז — געקעכץ פון רייז, וואָס ווערט געגעסן פון פרומע רוסישע קריסטן נאָך א לוויה אין אנדענק פון די פארשטאָרבענע. דאָס געקעכץ הייסט אין רוסיש — קוטיא.

שויאַ — שטאָט אין צענטראל־רוסלאנד, וולאדימירער גובערניע.

ביימער

אולם — בוים, מיט אויסגעשאַרענע, אָפּט ניט־סימעטרישע בלעטער.

אָלכע — בוים פון בערעזע־משפחה. ווייסע אלכע האָט פּוכיקע און שאַרפע בלעטער, שוואַרצע—טעמפּע און הוילע. דער בוים בליט ביז עס קומען ארויס די בלעטער.

אָשינע — וואַלד־בוים פון דער בערעזע־משפחה מיט א גרינלעכער קאָרע. דער שטיל (פאַרשמעלערטער טייל פונעם בלאַט, וואָס איז צוגעפּעס־טיקט צום שטענגל) פון די בלעטער איז שטאַרק צונויפגעדריקט פון ביידע זייטן, אדאַנק וואָס די בלעטער ציטערן פון דער מינדסטער לופט־באַוועגונג. דערפון דער איבערגלויבן צווישן די פּויערים, אז דער בוים זאָל זיין א פאַר־שאָלטענער, און אז אויף אים זאָל זיך האָבן אויפגעהאָנגען יהודה איש קריות.

ווילדפּערל — געוויקס פונעם פלוימען־מין מיט ווייסע און שמעקעוו־דיקע בלעטער; די פרוכט א שוואַרצע, וואָס מאַכט אייליק די ציין; וואַקסט אין סעדער. דער נאָמען פונעם געוויקס איבערגעזעצט אין יידיש לויט'ן פאָלקס־נוסח: וויינפּערל.

ווערבע — פאַרשיידענע מינים פון ווערבעס ווערן אָפּט אָנגערופן אין רוסלאַנד מיט איין נאָמען, און דער זעלבער מין אין פאַרשיידענע ערטער טראָגט אנדערע נעמען, ווי לאָזעס, ראַקיטעס אאוו.

טאָפּאָל — בוים פון ווערבע־משפחה מיט ברייטע בלעטער. פאַראַן עט־לעכע מינים: זילבערנער—מיט אויסגעשארענע בלעטער, ווייסע און פּוכיקע אויף דער אונטערשטער זייט, וואַקסט אין סעדער; שוואַרצער—וואַקסט אויף טייך־ברעגעס; זיין נאָענטער מין—פּיראַמידאַלער, אָדער איטאַליענישער — א הויכער בוים מיט אויסגעצויגענע אין דער הויך צווייגן; שמעקעוודיקער—מיט קנאָספּן און צווייגן, וואָס שמעקן.

יאָדלע — בוים מיט צעשפּרייטע צווייגן און גרינע נאָדלען, אנשטאַט בלעטער.

לאָזע — מין פון ווערבע.

ליפּע — גרויסער בוים מיט שירעמדיקע און שמעקעוודיקע בלומען, וואַקסט אין וועלדער, ווערט אויך געפלאַנצט אין שטעט אויף בולוואַרן און אין סעדער.

סאָסנע — בוים מיט נאָדלען, אנשטאט בלעטער, וואָס וואקסן אין בינטלעך צו צוויי און מער.

פּאָקן־קוסט — קוסט מיט פעדעראַרטיקע בלעטער, ווייסע בלומען און שירעמאַרטיקע טרויבן, פּרוכט—ווי יאַגעדעס.

קליאָן — בוים מיט אויסגעשאָרענע בלעטער. באקאנטע מינים: גע־ווינלעכער (צפון און מיטל־רוסלאנד) — מיט שאַרפע בלעטער; ווייסער (דרום־רוסלאנד) און צוקער־קליאן (צפון־אמעריקע), פון וועמענס זאפט מען מאַכט קליאן־צוקער.

ראקיטע — מין פון ווערבע־משפחה, וואָס בילדן גרויסע קוסטעס, אָדער קליינע ביימער.

פ י י ג ל

אויערהאָן — פויגל מיט ניטבאפעדערטע פינגער; דער „ער“—א טונ־קעלער, די „זי“—א פילפארביקע.

אָרעאָל — זינגפויגל מיט א צונויפגעדריקטן פון פאָרנט שנאָבל; דער „ער“ פון גאָלד־געלער פארב, עק און פליגלען — שווארצע; די „זי“ פון געל־גרינער פארב.

גאַלקע — קליינער פויגל פון דער משפחה־ראבן מיט א שוואכן שנאבל, א גרויער מיט א שווארצן קאָפּ, פליגלען און עק. געפינט זיך אָפט אין שטעט.

וואסערהאָן — קליינער פויגל מיט געמעסיקטן עק, אויגן אריינגעזעצט כאראקטעריסטיש פון אונטן און כמעט אן א הינטערשטן פינגער, די פליגלען דערגרייכן ביז'ן סוף פונעם עק.

קאָראָסטעל — לויפנדיקער פויגל, נישט קיין גרויסער, א ווייס־גרויער מיט זייער א קורצן הינטערשטן פינגער; לאָזט זיך הערן מיט זיין געשריי און פייפן אין די אוונטן אנהויב זומער.

קיביץ — קליינער פויגל מיט א גרינלעך־שווארצן מעטאל־גלאנציקן אויבערשטן טייל און קאם אויפ'ן נאַקן.

באַמערקונגען

צו דער פּאָעמע „אינאַניאַ“:

די פּאָעמע „אינאַניאַ“ איז איבערגעזעצט פון דער אויסגאַבע: סערגעי יעסענין — לידער, אונטער דער רעדאַקציע פון וו. קאַזין, מיט אַן אַריינפיר פון אַ. סעליוואַנאָווסקי, מלוכה־פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור“, מאָס־קווע, 1934.

די וואַריאַנטן פונעם ערשטן און צוועלפטן פערזן פון קאַפּיטל ב' זיינען גענומען פון דער סעפּאַראַטער אויפלאַגע פון דער פּאָעמע, פאַרלאַג „סקיטן“, בערלין, 1920. אין דער מאָסקווער אויסגאַבע פון יאָר 1934 פעלן די דאָזיקע פערזן.

די פיר פערזן פון קאַפּיטל ג', וואָס הויבן זיך אָן מיט דער שורה: „איך וועל דיינע פעלדער און וועלדער פאַרברענען“ און ענדיקן זיך: „ווי קריעס אויף סטעפּ זיין צעזייט“, זיינען איבערגעזעצט פון דער בערלינער אויפלאַגע 1920, און פעלן אין דער מאָסקווער אויסגאַבע פון 1934.

צו דער פּאָעמע „די שענקאַרישע מאָסקווע“:

דער דריטער פערז פון קאַפּיטל ב', וואָס הויבט זיך אָן מיט דער שורה: „ס'האָבן אַלע פאַרשפּילט וואָס אויף אייביק“, פעלט אין די אויסגאַבעס: סערגעי יעסענין — לידער פון אַ סקאַנדאַליסט, פאַרלאַג פון י. ט. בלאַגאָוו, בערלין, 1923, און „דער אויסגעקליבענער יעסענין“, פאַרלאַג „קאָלאָסיאַ“, פּאַריז, 1927. געפינט זיך אין דער אויסגאַבע: סערגעי יעסענין — געזאַמלטע לידער — ערשטער באַנד, צווייטע אויפלאַגע, מלוכה־פאַרלאַג, מאָסקווע־לענינגראַד, 1926.

די לעצטע שורה פון פערטן פערז, קאַפּיטל ד': „זי, די יונגע, די שיינע שונד“, איז געבראַכט אין דער אויסגאַבע „דער אויסגעקליבענער יעסענין“, פאַרלאַג „קאָלאָסיאַ“, פּאַריז, 1927, אין אַ געענדערטער פאָרם: „זי, די צע־טרענצלטע, די שיינע שונד“.

צו דער פּאָעמע „פרילינג“:

די ערשטע שורה פון זיבעטן פערז, וואָס הויבט זיך אָן: „ס'וועט אָן אַ קוויטל דער אַפּריל“ — קוויטלעך באַטייט דאָ: קאַרטלעך אויף שפּייז און קליידער, איינגעפירט בעת מלחמה און רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

אינהאַלט פון די לידער

אויסגעוועבט אויף אַזערע פורפל־שיין פון גין 27
מאמעשי אין וואַלד געגאן איז אין נאַכט פון טבילה 28
שוואַרצע מיט שווייס דורכגעשמעקט מוטער־ערד 29
סיטריקנט ליים נאָכין געוויטער 30
זומפּן־טיף און בלאָטעס 31
איז געגאנגען גאָט מיט ליבע מענטשן פּרואוון 32
כיבין ווידער דאָ אין אייגן היים 33
דאָרט הינטער פינצטער וואַלדגעוועבן 35
נאכט און פעלד, און דער האָן קרייט שוין אויס 37
דאָרטן אינעם לאַנד פון קראָפּעווע דער געלער 39
דער טאבון 41
זילבערקלינגעוודיקער גלעקל 43
דאָרט אונטער רויט־אולם א גאנעק און הויף 44
ניט געוואנדלט, ניט געקנייטשט אין רויטע קוסטעס 46
געבלוי 48
דאָס ליד פון א צויג 51
דאָרט, וואו סידרעמלען אייביק סודות 53
דיין שטים פארהוילן, ווי רויך אין הויז 55
פון רויטן אָוונט האָט דער וועג פארקלערט זיך 57
כיקוק אין פעלד, איך קוק אין הימל 59
א, רוס, צענעם די פליגלען 60
די פארפאלענע לבנה 63

פעלד — געשניטן, וועלדער — הוילע 65
א, פעלדער, פעלדער, פעלדער 66
וועק מיך אויף מאָרגן־צו אינדערפרי 67
איבער ערשט פרישן שניי כישלעפ זיך אום 69
איך גלויב, איך גלויב, ס'איז גליק פאראַן 70
עפן, וועכטער, הינטער וואָלקנס 71
לידער, לידער, פון וואָס דאָס געשריי? 72
וועג באַזילבערטער, פארשנייטער 74
פרילינג־רעגן אויפגעהערט האָט טאַנצן, וויינען 75
פריזור פון בלעטער גרינע 77
כיהאָב דאָס אייגענע הויז פארלאָזט 79
גאָלד־געבלעטער פארדרייט זיך אין רינגען 81
א, לאַנד פון רעגנס און געוויטער 83
ניט אומזיסט פון ווינט דאָס בלאָזן 84
דריי ארום, דריי אַרום, דריי ארום זיך 86
א, גאָט, א גאָט, אָט־אָ די טיף 87
לויב מיין ליד, ווער עס שרייט און זיך מארדעוועט 89
חיות, חיות, גענענט זיך צו מיר 90
דער כוליגאַן 91
אלץ, וואָס לעבט, מיט באַזונדערן צייכן 93
איך וועל זינגען, וועל זינגען, וועל זינגען 95
איבער רחבות פון וועג אינדערפרי 96
כיבין פון דאָרף דער לעצטער פּאָעט 97
איך באַדויער ניט, איך רוף ניט, וויין ניט 99
עס איז מיר געבליבן איין שפּילעניש 101
און אומעט קוקן איז אויף דיר 103
יאָרן, יונגע יאָרן, מיטין דום פארשייטן 105
די פרייד גיט זיך איין גראָבע מענטשן 107
מיר גייען איצטער אָפּ צוביסלעך 109

כיהאָב געפרעגט ביים מינצער היינט א שאלה 111
צו קאַטשאַלאַוויס הונט 113
אומגעוויינלעכעס, בלויעס, צאַרטעס 115
סישלאָפט דאָס סטעפגראָז און די ליבע פליינען 117
יעדע ארבעט זאָלסט, הצלחה, בענטשן 119
זיין א דיכטער, אָט דאָס הייסט דאָס זעלבע 121
וויפל קעץ אויף דער וועלט זיך געפינען 123
סיפייפט דער ווינט, דער זילבערנער ווינט 124
עך, איך, שליטנס, און פערדלעך, איך, פערדלעך 126
שיטער וועלדל, סטעפ און ווייטן 128
לבנה איבער פענצטער, אונטער פענצטער ווינטן 130
שפיל, טאַליאַנקע, הילכיק, דרייסט שפיל, אויסגעצויגן 131
עס דרייען אין פעלדער זיך שטאַרקע זאווייען 132
הערבסט, עס יאָגן שליטנס 133
העלע, בלויע קאפטע, אויגן בלויע־בלוי 134
קרום ניט אויס קיין שמייכל, ברעכנדיק די הענט 135
קליאַן, דו מיין, אַן בלעטער, קליאַן פון פראָסט פאַראייזטער 136
אינאַניא 139
רעקוויעם 153
ווידוי פון א כוליגאַן 158
די שענקאַרישע מאָסקווע 163
סטאַנסן 170
שניי־שטורם 175
פרילינג 180
דאָס אָפגייענדיקע רוסלאַנד 184
דאָס סאָוועטישע רוסלאַנד 189
דער אומקער אהיים 194
מיין וועג 200
שוואַרצער מענטש 208

ארויסגעגעבן אין איין טויזנט און פופציק עקזעמפלארן — געזעצט דורכין לינאָטיפּ־מיי־נסטער אברהם שוואַרץ — געסדרט און צוגעגרייט צום דרוק פון דוד זיסלין — קלישע פון וואן אלסטין פאטא־צינקאגראפיע, 457 וועסט פאָרט סט. — דרוקעריי פון זיסלין און קאָ., 642 באָ־ביען סט. — געבונדן אין דער דרייעק בוכבינ־דעריי, 243 וועסט לארנעד סט., דעטראָיט, אין יאָר טויזנט ניין הונדערט זעקס און פערציק, תש"ו.